STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08837

DOS LEBN RUFT

Anne Safran

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה סאַפראַן / דאָס לעבן רופט

שער־בלאַט
און בילד
געצייכנט
פון
ב ע ר נ א ר ד

ביכער פון חנה סאַפראַן:

„נצחון" (לידער און פּאָעמעס), 1945
„היינט" (לידער און פּאָעמעס), 1950
„ליכטיקע שטראָמען" (לידער און פּאָעמעס), 1960
"THE FIREBORN" ענגליש, (ראָמאַן), 1964
„דאָס לעבן רופט" (לידער און פּאָעמעס), 1968

אַ וואָרט צום לייענער

די זאמלונג לידער און פּאָעמעס, „דאָס לעבן רופט", ווערט אַרויסגעגעבן פון „איקוף"-פאַרלאַג לכבוד 35 יאָר פון מיין שאַפן.

אָבער אַ שרייבער הייבט אָן שרייבן אַ סך פריער ווי ער נעמט זיך דרוקן. איך באַטראַכט מיין טאָג-בוך, וואָס איך האָב געשריבן מיט 50 יאָר צוריק, ווי מיין ערשט ליטעראַריש ווערק.

דער טאָג-בוך דרוקט זיך איצט אין פאָרזעצונגען אין דעם איקוף-זשורנאַל „יידישע קולטור".

דורך די אַלע יאָרן האָבן מיינע פריינט און לייענער מיך אַרומגע-רינגלט מיט גרויס ליבשאַפט און פאַרערונג — צו זיי מיין דאַנק פון טיפן האַרצן.

איך וויל אויסדריקן אַ האַרציקן יישר כוח דעם **איקוף פאַרלאַג** פאַר אַרויסגעבן דעם בוך; דעם **חנה סאַפראַן בוך-קאָמיטעט**, בראש מיטן פאָרזיצער, **לואי ביאַלי**, און סעקרעטאַרין, **ראָוז ליפשיץ**, פאַר זייער געטרייער מי; אַ דאַנק מיין ליבן זון, **בערנאַרד**, פאַר צייכענען דעם שער-בלאַט און מיין בילד; דעם דיכטער **בנימין קאַץ**, פאַר זיין טעכנישן אויפזיכט ביים דרוקן דאָס בוך; און די אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים וועלכע האָבן מיט זייער ביישטייער אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג צו מיר און זייער ליבע צום יידישן ליד.

אַ האַרציקן דאַנק אייך אַלעמען!

— חנה סאַפראַן

חנה סאַפראַן

דאָס לעבן רופט

איקוף
פאַרלאַג

ANNE SAFRAN

THE CALL OF LIFE

(Poems)

Copyright 1968 by Anne Safran, New York, N. Y.

Published by Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
189 Second Avenue, New York, N. Y. 10003
Printed in U.S.A.
363

דאָס לעבן רופט

דאָס לעבן רופט, דאָס לעבן רופט:
שטיי-אויף, דו מענטש! פון שלאָף שטיי-אויף!
דער מאָרגן פול איז מיט געזאַנג,
ליכט און פאַרב, באַוועג און קלאַנג.
אַרויס אין גאַס, אַרויס מיט פריינט,
אַ טאָג אַזאַ געבענטשטער היינט!

דאָס לעבן רופט, דאָס לעבן רופט:
ס׳איז העל די זון און פריש די לופט.
און גרין און גאָלד אין האַרץ פון וועלט
אַ ניי געזאַנג גייט-אויף און קוועלט.
נאָר פלוצלונג, זע! אַ שפּאַרבער פליט,
אַ טויב, אַ טויב אין פּיסק צעפליקט!

און ס׳רינען טראָפּנס בלוט אויף גראָז...
צעבראָכן ווערט דער טאָג ווי גלאָז.
די ערד רייסט-אויף אַ דונער-שאָס.
דער שפּאַרבער-מענטש אויף פליגל שטאָל
באַפאַלט די טויב, ברענגט-אום אַ פאָלק.
עס גיסט זיך בלוט אויף פעלד און גאַס
און מענטש זיין ברודער הרגעט, גאַזט...

עס האָגלען באָמבעס, ס׳קראַכן ווענט,
און איך אינמיט פון וועלט וואָס ברענט...
ווי ווילד עס פלאַקערט פייער-פלאַם!
רויט דער הימל, רויט דער ים,
רויט די ערד, רויט די לופט —
און דאָס לעבן רופט און רופט...

חנה סאַפראַן

אין אויפגאַנג

אין אויפגאַנג...

אין אויפגאַנג,
ווי ביים פאַרגאַנג,
עס ציטערט אַ פאַרלאַנג:
ניט בלייבן שטום,
באַהעפטן זיך מיט אַלץ אַרום:
מיט הימל, ערד און ים,
מיט שטילן גראָז, מיט צאַרטער בלום
און פעסטן דעמבן-שטאַם;
מיט אַלץ וואָס אָטעמט, לעבט,
און חלומות וועבט.

אין אויפגאַנג,
ווי ביים פאַרגאַנג,
עס גליט אַ פאַרלאַנג:
ניט אָפּשטיין אין דעם גאַנג!
ניט בלייבן שטיין,
איין-אַליין!
נאָר מיט מענטש, מיט פאָלק, מיט צייט,
אין ווייטער ווייט,
אין ליבשאַפט לויטערער,
מיט לידער גיין.

ריטמען און פערזן...

ריטמען אין פערזן, גראַמען אין לידער —
איך קום צו אייך ווידער און ווידער און ווידער.

צי וויל איך אין גרילציקע טענער פון לעבן
דעם וואוילקלאַנג געפינען, דעם וואוילקלאַנג אייך געבן?
אין טומל און רויש, אין פייער און פלאַמען,
אַרויסהייבן ניגון דעם זיסן פון מאַמען?
צי איז דען שוין אַלץ דאָ הפקר און ליגן
און ציניש און גרויזאַם, ווי שחיטות און קריגן?
צי קאָן איך אין שטעט, אין טורעמס געבויטע,
ניט זען אויך די שיינקייט דעם מענטש אָנפאַרטרויטע?
און אויך אין דעם רעווען פון דזשעט-עראָפּלאַנען
דערפילן האַרמאָניע, פון לעבן די גאַמע?

ריטמען אין פערזן, גראַמען אין לידער —
איך קום צו אייך ווידער און ווידער און ווידער.

דו פרעגסט...

דו פרעגסט מיר פאַרוואָס און פאַר וועמען מיין ליד?
איך שרייב, ווייל מיר שרייבן איז פיינלעך און ליב.
ווייל מוח און הארץ באַוועגן מיין האַנט
און ס׳שטראָמט אין מיין בלוט אַזאַ לויטער געזאַנג.
און אַלע פאַרדראָסן און פרייד פון מיין דור
אין יידישע אותיות צעפינקלען מיין וואָר.

פאַרוואָס און פאַר וועמען שרייב איך מיין ליד?
פאַר מענטש און פאַר פאָלק מיין ליכטיקע מי.
איך בין זייער צונג, זייער הארץ, זייער טרוים —
איך בין ווי אַ צווייג פון אַ בליענדן בוים,
וואָס לאָזט נאָך זיך שפּראָצן און גרינט אויפדאָסניי,
נאָך יעדן שטורעם — אַ ליכטיקער מאַי.

אָן אָפּצווייג איך בין פון אַ בליענדן בוים,
זינג איך זיין פרייד און זיין צער און זיין טרוים.

אַזוי פיל קלאַנגען . . .

1.

אַזוי פיל קלאַנגען ניט-געאַנטע,
אַזוי פיל ווערטער ניט-דערהערטע
הענגען וואו אין טיפן אומרו,
וויגן זיך אין טונקעלן ווערן,
וואַקסן, רייפן אומבאַקאַנטע.

ווי אַן עופעלע אין דרעמל
קרימט דאָס פּנימל אין חלום,
שמייכלט אַן דער פרייד פון לאַכן,
וויינט אַן וויסן און אַן טרערן,
ביז — באַגינען פון דערוואַכן,
ווען דאָס ליכט אין אויג נעמט שיינען
און די פרייד און צער פון וואַקסן
רייסט זיך דורך אין רויע קלאַנגען,
שפּרייט זיך, שפּרודלט אין די גלידער,
ווי אַ וואַלד אין ווינט-געזאַנגען.

אַזוי פיל קלאַנגען ניט-געאַנטע,
אַזוי פיל ווערטער ניט-דערהערטע
וויגן זיך אין טונקעלן נעפּל . . .
ווי אויף גרונטן פון די ימען
פאַרמען לויזע, אומבאַשטימטע
הענגען שטומע, הענגען בלינדע.

.2

ערגעץ שטורעמען די גרונטן . . .
ערגעץ ווייטיקט ליכט פון ווערן . . .
אין דעם חושך אין דעם שווערן
בליצט אדורך, ווי שפיז צעגליטער,
ליכט פון ווילן, פון געבערן.

שמעלצט דער נעפל. טריפן טראָפּנס . . .
זאַמלען כוחות, זאַמלען אימפּעט,
ווי אַ האַרץ אין יאָגן, לויפן,
ווי די זון פאַרן טאָגן.

מיט אַ נייער קראַפט אַ ווילדער,
ס׳שלאָגן טראָפּנס.
שלאָגן, יאָגן
מיט אַ ווייסן שוים פון כוואַליע,
מיט אַ ברויז פון טונקלע ימען,
ביז זיי פלייצן איבער ברעגן,
טרינקען אָן פאַרשמאַכטע זאַמדן,
ווערן קלאַנגען;
ווערן, ווערן
ווערטער רונדע, זאַלציק-הייסע,
פול מיט ים און זון און טרערן,
ווערטער שפּיציקע און בונטע,
ווי די שטיינער אויף די גרונטן,
ווי די לויכטנדיקע שטערן.

האָריזאָנטן, שפּרייט זיך, שפּרייט זיך!

.1

האָריזאָנטן, ברייטער, ברייטער,
ווייטער, בלויער, שפּרייט זיך, שפּרייט זיך!

וואו דאָס אויג קאָן ניט דערגרייכן,
אין די ברייטן, אין די הייכן.

דאָרט וואו ליכט ווערט ניט פאַרפינצטערט,
ווערט נאָך העלער, שטראַלנדיקער.

וואו די וואַסערן אָן טרערן,
פינקלען ווי די זילבער-שטערן,

און די ביימער און די בלומען —
האָניק-פּירות פאַרן גומען.

וואו דאָס האַרץ אַלץ ציט זיך, ציט זיך,
ווי אַ חלום-פויגל פליט זיך,

נעמט אין אָוונט, פאַר דער שקיעה,
ווי אַ רויטער פאַקל גליען,

און די שיינקייט, ווי אַ לירע,
זינגט צום לעבן נייע שירה.

.2

קלינגען גלאָקן, קלינגען קלאַנגען
פון ניגונים לאַנג פאַרגאַנגען.

פלייטן פייפן, פידלען וויינען
מיט אַ טאָן אַ הייסן, ריינעם.

קלינגען אָפּ אין נייע לידער,
ווי דער האַמער פון אַ שמידער,

ווי דאָס פייפן פון די באַנען
און דער הודזש פון עראָפּלאַנען,

דער געברום פון ניי־מאַשינען
און פון דאַמבעם די טורבינען,

און דער רעש פון שטעט אין בויען,
פון פאַרוואַנדלען שטיין דעם רויען,

אין געביידעם שטאָל־געראַמטע,
ביז די הימלען שפּיץ־געצאַמטע.

העכער, העכער, ביז די הימלען,
קלינגען קלאַנגען, וויינען פידלען . . .

.3

און דאָס האַרץ ציט ווייטער, ווייטער,
ווי אַן אייביק-יונגער רייטער.

איבער ווייטן, איבער צייטן,
שטראָם פון לעבן פרישן בייטן.

וואו דער טויט בלויז דעמאָלט נידערט,
ווען אַ מענטש ווערט מיד און מידער,

און ער וויל שוין שלאָפן, רוען,
זאַט מיט יאָרן, זאַט מיט טוען,

לאָזט די קינדער זיינע וועבן
פאָדעם ווייטערן פון לעבן,

קעמפן, ליבן, בויען, בענקען,
אייביק זוכן און געדענקען.

ציט דאָס האַרץ זיך ווייטער, העכער,
שוימט אַריבער לעבנס-בעכער.

ביז דער לעצטער שעה דער גרייטער —
האָריזאָנטן, שפרייט זיך, שפרייט זיך!

דו פאָרסט אַוועק . . .

דו פאָרסט אַוועק פון גרויסער שטאָט —
ביסט מיד און בייז און ביטער.
דיר דאַכט:
עס האָבן הימלקראַצערס אין פלוצלינגן געוויטער,
ווי ווילדע עלפאַנטן,
אַ רוק־געטאָן זיך אַרום דיר.
איינגעקלאַמערט וואַנט אין וואַנט,
טיר אין טיר;
צוגערויבט דעם הימל, זון,
דעם שיינענדיקן בליק פון אויגן;
אַריינגעצויגן, אויסגעזויגן
יעדן טראָפן לופט;
פאַרשמאַכט געלאָזן דיך,
טרוקן ווי אַ דראָט —
אַ, לויף זיך ראַטעווען,
לויף אַוועק פון שטאָט!

דו פאָרסט אַוועק פון גרויסער שטאָט
און טראַכטסט:
דו שווערער, הייסער ריז!
דער גרילץ פון דיינע גאַסן
פאַרטויבט מיין האַרץ;
די סאַזשע פון די קוימענס,
די סמאָלע און דער רויך,
קלעפן צו מיין גוף.
דו ווערסט מיר מיאוס,
דו אימפּעטיקער ריז!

דיין ריזן־צער, ווי דיין ריזן־לוסט
ברענען טאָג און נאַכט;
די ליכטער דיינע, שפּיזן ליכט
ברענען אין מיין מאַרך!
ס׳דרייט זיך אַ קאָלירטער בלענד,
רויט און געל, גרין און בלוי,
אַ קאַראַהאַד אינצווישן ווענט,
און מענטש — פאַרלוירן, גרוי —
דרייט זיך, דרייט זיך אינעם ראָד,
וואָס פינקלט, מאַניעט, רופט,
טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג —
הערט ניט אויף.

דו פאַרסט אַוועק פון גרויסער שטאָט
און ס׳שטילט זיך איין אין דיר דער רעש.
עס פליט אַראָפּ פון דיר דער שטויב,
עס טוט זיך אָפּ די ביטערניש, דער כעס.
דערפילסט זיך ריין און דורכזיכטיק ווי שויב.
אַ מילדקייט גלעט די קנייטשן פון דיין מויל,
אַ שמייכל ליכטיקט אין דיין קול.

ס׳האָט קיינער נאָך די גרינקייט דאָ צעשטערט.
עס שפּרייט זיך, אָטעמט אומבאַרירטע ערד,
וועלדער, פעלדער, טייכן.
ווילדע גראָזן כוואַליען זיך אין ווינט.
ערגעץ פון אַ שטיבל קומט אַרויס אַ קינד
און קוקט פאַרבענקט אין ווייט.
קוקט מיט אויגן פריש־געוואַשענע אין טוי
צו ווייטער שטאָט, צו צויבער־שטאָט,
מיט ליכטער רויט און גרין,
געל און בלוי.

דער זומער האַלט שוין בײַם פֿאַרגײן

דער זומער האַלט שוין בײַם פֿאַרגײן.
ווי האַסטיק יאָגן לעצטע טעג!
זון־פֿאַרברוינטע, ליכטיקע געשטאַלטן
מיט אויגן לאַכנדיקע
און נאַקעטע, געטאָקטע אָרעמס
שווינדן, שווימען וואו אַוועק.

וואוהין, וואוהין? צו וועלכן ברעג?

איך שטיי, ווי וואַנדערער אויף וועג,
וואָס דריקט זיך צו אַ שטיין אַ קאַלטן
און וואַרעמט אים מיט האַרץ און גוף.
ס׳גייט־אויף דער דופֿט
פֿון פֿרילינג מײַנעם גרינעם,
אַ פֿונק פֿון חלומפֿולע טעג
צינדט־אָן די לופֿט
און ווינקט און רופֿט און זינגט — — — —

איך שטיי ווי אַ פֿאַרלוירן קינד
און הער זיך אײַן.
טעג, אַ מײַנע, זון־פֿאַרגאָסענע,
צי האָב איך דען אָפּגענאַרט?
צי האָט מײַן האַרץ דען ניט געבענקט, געגאַרט?

די זון פאַרגייט, עס בלאָזט אַ ווינט
און עפּעס שרייט און עפּעס זינגט.
וואָס וואַרט אויף מיר אויף יענער זייט
פון נאַכטיק-טיפן הימל-בלאָ?
וואָס האָב איך ערשט פאַרשפּעטיקט דאָ?

ווי וואַנדערער אין בין-השמשות שעה
איך הער אין זונפאַרגאַנג געלעכטער און געוויין.
יאָ,
דער זומער האַלט שוין ביים פאַרגיין.

עס הייבן זיך בערג...

אין מערב די זון איז נאָר וואָס געזונקען.
דער הימל צעצונדן מיט רויט, פיאָלעט,
האָט לאַנג נאָך געפלאַקערט און לאַנג נאָך געטרונקען
דאָס גרין פון די בערג אין שטראַליקער נעץ.

און איצט איז שוין אויס. געלאָשן, פאַרלאָשן.
עס נידערט די נאַכט איבער בוים, איבער באַרג.
אַ בלאַסע לבנה פון זילבער געגאָסן,
שווימט קאַלט אין די הימלען, וועקט בענקשאַפט אין האַרץ.

די בערג, אָט-די בערג אין די נעפלען געהילטע,
זיי וואַקסן נאָך העכער און ווייטער אין נאַכט!
צי וועל איך באַטרעטן די הייכן פאַרשטילטע?
ווער צינדט דאָרט די שטערן? אין נעפלען ווער וואַכט?

און פלוצלונג, אַ פלעמל אויף באַרג-שפּיץ דעם הויכן!
אַ פענצטער, אַ לאָמפּ, דורכן נעפל לייכט-אויף.
פאַרשווינדט די לבנה, פאַרשווינדן די שטערן —
עס רופט מיך אַ פלעמל: אַרויף! שפּאַן אַרויף!

האַרבסט

פאַר ווּעמען ס'איז דער האַרבסט
מיט פּירות גאָלדענע באַלאָדן,
פאַר ווּעמען ס'האָט אַ שטורעמווינט
די בליאונג פון זיין בוים צעשטערט --
קלייב איך פון די פעלדער
זינגענדיקע זאַנגען
און טראָג צו די וואָס דאַרשטן פרייד
פון גרינער ערד.

עס טרעפט, אין רייפן גאַנג
דורך גאָלד פון זונפאַרגאַנגען,
ווי ס'ציטערט אויף אַ בענקשאַפט,
ס'פלאַמען אויף פאַרלאַנגען . . .
דער פרילינג און דער זומער
אין מיינע פרוכט געפאַנגען —
בליאונג און פאַרבליאונג:
געפיל און פאַרב און קלאַנגען . . .

אַ, באַלד וועט ווינטער ווייסער
דאָס גאָלד מיט שניי באַדעקן;
אַ, באַלד וועט וויכער בייזער
פאַרהאַלטן הייסן טראָט!
אייל איך איבער גאַסן,
אייל איך איבער וועגן,
און טראָג געשאַנק אַהין,
וואו פרילינג איז צו שפּאָט.

און זע! וואָס מער איך קלייב,
וואָס מער איך טראָג פאַנאַנדער,
אַלץ מער צעבליט מיין פעלד,
באַלאַדן שטייט מיין בוים.
עס וועט ניט ווינטער ווייסער,
און ניט דער וויכער בייזער,
פאַרהאַלטן ווען מיין טראָט,
פאַרפּירן גרינעם טרוים.

אין דעם האַרבסט פון לעבן...

אין דעם האַרבסט פון לעבן רייפן,
פול מיט טרויבן פרייד און פיין,
פּרואוו איך זינגען, ווערטער שלייפן,
צו באַזינגען זין פון זיין.

ס׳פאַלן בלעטער ווי די טרוימען,
נאָר עס פלאַמט דאָס גלויביק האַרץ:
אויפגיין ווי אַ בליץ אין רוימען,
ווי אַ שטערן, פּרעכטיק, שטאַרק!

פלי איך, טראָג זיך מיט געזאַנגען,
און די ערד פליט-מיט מיט מיר.
נייע טרוימען און פאַרלאַנגען,
נייע וואונדער אָן אַ שיר.

גלוסטיק פלי איך, ווי אַ רייטער,
אין ווירוואַר פון בלעטער-טאַנץ.
ס׳טראָגט די צייט מיך ווייטער, ווייטער,
איבער ים און איבער לאַנד,

און דער שטח שפּרייט זיך ברייטער,
טיפער, העכער, נאָענט און ווייט,
און דער האַרבסט אין פלאַקער רויטן
איילט מיך, איילט מיך, דאַכט זיך, שרייט:
„יאָג אָן, יאָג אָן
וואונדער-צייט!”

אין אַ רעגנדיקן טאָג

אין אַ רעגנדיקן טאָג,
ווען דאָס ליכט איז טונקל־גרוי,
שויבן טרערן מיט אַן „אוי״,
מיט אַ האָפענונגלאָז געוויין,
וואָלט דער אומעט, ווענט און שטיין,
מיך דערדריקט, ווען כ׳בין אַליין.

אין אַ רעגנדיקן טאָג,
זכרונות טוען זיך אַ יאָג,
ווי זיי וואָלטן אין דעם גרוי,
אין דעם טרערנדיקן „אוי״,
פֿאַרב און ליכט צעיאָגט, צעבלענדט
אויף די טרויעריקע ווענט.

אין אַ רעגנדיקן טאָג,
כ׳זע דיך וואַרטן אויף אַ ראָג
מיט אַ שירעם, ווי אַ דאַך —
מיך באַשיצן נאָר דו טראַכסט.
לאַך איך, לאַך, און ווייס נישט וואָס
ס׳איז גוט אַזוי מיר אין דעם גאַס.

איצט, ווען רעגן פּויקט אין שויב,
איז כאָטש איך בין שוין גראָ, ווי טויב,
פֿיל איך נאָך גערוך פֿון גראָז,
וואָס וויאַנעט אונטער פּלויט פֿון הויז.
און מיין האַרץ צעפּלאַטערט, יונג,
גיט, ווי דאַן, מיט פֿרייד אַ שפּרונג.

מיליאָנען יאָרן . . .

מיליאָנען יאָרן ווי די כוואַליעס דיינע
וואַשן מיינע ברעגן.
מיליאָנען יאָרן,
איידער נאָך ס׳איז מענטש
פון וואַלד און הייל אַרויסגעקראָכן
די שיינקייטן פון ערד און ים
אין זיין אויג צו שפּיגלען,
ביסטו געפּלאָסן און געפּלאָסן . . .

איך שטיי ביים ברעג.
די כוואַליעס רוישן, שלאָגן,
ציען מיך מיט זיך
אין ריטמיש־פליסנדיקן גאַנג.
מיין טעגלעך זיין
פליסט אויך אין אויף־און־אָפּ באַוועג:
ליכט און שאָטן,
שטורעם, רו.

ווי קורץ, ווי קורץ די שעה!
ווי קליין מיין פוס־דרוק אויף די זאַמדן!
און דאָך —
איך בין מענטש,
געקומען דיר אַ תיקון געבן,
דיין שיינקייט
אין מיין אויג צו שפּיגלען.

ביים ברעג פון דיין צעשטורעמט האַרץ...

נאַכט נאָך נאַכט
ווי כ׳קום צום ברעג פון דיין צעשטורעמט האַרץ
און שפיר דיין קראַפט
אין דונער פון די כוואַליעס,
וואָס זעצן אין דער מענטש-געמאַכטער וואַנט פון שטיין,
און זע דיין צאָרן שוימען,
שמעטערן,
פאַרגיין.

טרעטסט אָפּ.
נאָר אין אַן אויגנבליק,
דו קומסט צוריק.

חיילות
מיט ווייסע, בלאַנקע שווערדן אין די ציין
שטורעמען די פעסטונג,
וואַרפן זיך אויפסניי אויף גרינעם שטיין.
צעקלאַפּן זיך,
צעפאַלן זיך,
צעשפריצן;
בליצן,
אין דער פינצטערניש פון נאַכט,
און גיבן-אָפּ צו נייע כוואַליעס-ריזן
זייער קראַפט.

אָ, מעכטיק־גרויסער ים,
דו קאָנסט פון אַט־די ברעגן נישט אַרוים.
דערפון דיין צאָרן,
דערפון דיין פיין.
ווי אין אַ קאָכעדיקער וויג,
עס שליידערט דיך
היין
און צוריק,
היין
און צוריק.

איך שטיי ביים ברעג פון דיין צעשטורעמט האַרץ,
און יעדער דיינער זעץ אין וואַנט
הילכט־אָפּ אין מיר.
וויברירט,
ווי אָפּגעבראָכענער אַקאָרד;
פאַרלירט
און שמעטערט,
ברעכט אויפסניי.

אָ, ריזן־ים,
דו קאָנסט ניט שלום מאַכן מיט אַ צאַם.
אויך איך ריים זיך פון די ברעגן,
איך ריים זיך אויף דער פריי.

בין השמשות

דער ים איז גרינלעך-גרוי.
נאָך טאָג פון שפּיל און ברום און ברויז,
ער הייבט די כמורעדיקע ברעמען,
ווי ער וואָלט כעסן זיך אויף וועמען.
ארויף, וואו דער האָריזאָנט איז אַלץ נאָך בלוי,
עס בערגלען זיך, ווי פּוכקע שוואַנען,
וואָלקנדלעך פאַרחלומט-צאַרטע.
שווימען לייכט, גראַציעז,
אין דורכזיכט פון די הימל-לאַנען —
ווייס און בלוי און פּיאָלעט.

ווי אין אַן איילִיקן געוועט,
פאָכנדיק מיט פליגל ברייט-צעשפּרייט,
מעוועס פליען-אַן איבער שאָטנדיקן ברעג
מיט גרילצנדיקן קווײטש:
„ס'איז שפּעט! שפּעט! שפּעט!"

פאַרשווינדן.
רויטע פּאַסן גליען, צינדן,
טונקען וואָלקנדלעך אין פלאַמען.
איצט פלאַקערן די צאַרטע שוואַנען,
שפּיגלען אין דעם גרוי פון ים:
פּורפּור ... באָרדאָ ... ברוין ...
ראַנגלען זיך,
ראַנגלען זיך און ברענען אוים ...
אַש ...

איינגעשטילט דער פארבן־רעש.
אַ לעצטער שמיר
פון גליאיק־ראָזעווען קאָליר
לעשט זיך, לעשט זיך און פאַרגייט.
אַ ווינטל ווייט.
די פאַלמעס שטייען הויך און דין,
וויגן זיך פאַרטראַכט:
עס קומט די נאַכט.
עס קומט די נאַכט.

שטורעם...

אין דער שטאָט פון אייביק זומער,
אויפן ברעג פון בלויע ימען,
וואו עס ליכטיקן געביידען
און עס גרינען אייביק פּאַלמען,
הער איך אָפּט דעם ברום פון שטורעם
ווי ער טראָגט זיך פונדערווייטן,
זע איך פּנימער פון פּחד,
הער פון דונערן די קראַכן.

אַ, עס רוישן כוואַליעס זוניק
און עס וויגן פּאַלמען־צווייגן,
פלוצלונג ווערט פאַרגליווערט שמייכל,
ס׳טרעט אַריין אַ טיפער שווייגן.
אויגן זוכן, אויערן הערן
ווי דער ווינט זיך טראָגט אַ ווילדער
און ער וואָרנט און ער ליאַרעמט:
עס קומט, עס קומט אַ בייז געוויטער!

אַלע וואַקלענדיקע ברעטער,
אַלע פוילנדיקע שטאַמען,
אַלע זשאַווערדיקע שלעסער
קרעכצן, ברומען, גרילצן, ליאַרמען.
און עס טונקלען די ברעגן,
און דער זאַמד זיך דרייט אין קרייזן,
טראָגט זיך בלינד און טויב אויף וועגן,
שטעכט מיט נאָדלען, בריט און בייסט דיך.

בליצן פלאַמען אין דער פינצטער,
און די שלאַקסן שווענקען שוועלן,
גראָבן קברים; טרייסלען איצטער
ימען-גרונטן, הייזער-זיילן.
טירן פליען, פענצטער, שטיינער,
און דער ווינט ער שמייסט מיט ריטער
פאַלמען-צווייגן ברומען, וויינען —
ווילד עס בושעוועט געוויטער.

אין טעג צעברויזטע

אַ דאַנק פאַר נעכטן און פאַר מאָרגן

אין טעג צעברויזטע ווי ווילדע, גאַלאָפּירנדיקע פערד,
וואָס אָט זיי וועלן דיך דערלאַנגען און צעטרעטן,
איך טראַכט פון אַלע נעכטנס וואָס זיינען אין מיין היינט פאַרוועבט.
און פון דעם מאָרגן וואָס אין מיין דמיון לעבט.

אָ, די נעכטנס!
איך קלייב פון זיי דאָס סאַמע גאָלד
און טראָג עס מיזאָם פון זכרונות־פעלד.
דאָס ריינסטע קערנדל פון פסולת איך באַפריי,
און לאָז עס גרינען אין מיין האַרץ אויפסניי.

נאָר אין טונקעלע און שטורמישע פאַרנאַכטן,
ווען אַ דונער טרייסלט ערגעץ אַלטע, פוילנדיקע ווענט,
איך הער דעם מאָרגן קלאַפּן אין טויערן פאַרמאַכטע
און זע עס עפענען אים יונגע, שטאַרקע הענט.

אָ, דעמאָלט שווינדן אַלע מיינע צווייפלען, זאָרגן!
מיין לעבן, ווי אַ מילגרוים, פול איז און געשמאַק.
אַ דאַנק פאַר נעכטן און פאַר מאָרגן,
פאַר אַ לעבן וואו דער היינט איז געוואַגט!

איך רייט אויפן שטורעם...

טעג פון מיין לעבן —
ברויזיקע כוואַליעס.
געמיט פון מיין צייט —
צעשטורעמטער ים.
וואוהין אייער אומרו,
וואוהין אייער שטראָמען,
וואָס טראָגט איר אויף גריוועס
אין ווייס־בלויען פלאַם?

מען זאָגט מיר:
די טעג פונעם מענטשן
זיינען געציילטע:
זיין לעבן פאַרגייט,
ווי אויף כוואַליעס דער שוים.
צו וואָס־זשע זיין יאָגן,
צו וואָס־זשע זיין איילן?
ער קאָן נישט,
ער וועט נישט
דערגרייכן זיין טרוים.

נאָר מיך לאָקט דער ים
אין זיין אייביקן פליסן.
די קראַפט וואָס באַוועגט אים,
הערט קיינמאָל נימ אויף.
און איך בין אַ טראָפּן
מיט גלויבן און וויסן,
איך רייט אויפן שטורעם
און טראָג זיך פאָרויס.

טעג מיינע...

טעג מיינע יאָגן איבער מיין קאָפּ,
ווי כוואַליעס פון אַ ים,
מיט שטורעם און מיט שפּיל,
מיט אימפּעט און מיט האַסט —
קיינמאָל רואיק, קיינמאָל שטיל.

אומענדלעך איז דער ים,
אומענדלעך אין זיין לויף.
נאָר מיינע איז געציילט די שעה.
מיין טאָג — אַן אויפגאַנג און פאַרגאַנג,
מיין האַרץ — אַ פויגל אין געפלי.
פלאַטערט עס און ציט
דורך טעג פון מי און בלי
צו נאַכט און שטערן-גלי.

אינצווישן — איז די פרייד,
דער צער און דער פאַרלאַנג.
דער דראַנג
וואָס ציט פאָרויס,
און ניט ווי ים,
צוריק.

ניטאָ די וויג,
וואָס זאָל פאַרוויגן מיך אין רו.
עס איז נאָך ווייט צו זונפאַרגאַנג —
ווי גאָלדן-ליכטיק איז די שעה!

פונקען . . .

אין וואָכעדיקן גאַנג
האָב איך יאָרנלאַנג
יום-טוב געטראָגן:
פולע הויפנס זון
אין מיינע קליינע הענט.

ווי פונקען האָב איך זיי צעשאָטן
איבער גרויע טעג;
דעם פייער פון מיין האַרץ
אין הערצער אַנדערע געצונדן,
ביז איין גרויסער, העלער פלאַם
האָט אונדז אַלעמען
פאַרבונדן.

איצט —
ווען ס'איז מיין הימל
מיט כמאַרעס פינצטערע פאַרדעקט,
און נעפּלען-ווענט פאַרשטעלן
אַלע מיינע וועגן —
פליען זיי צו מיר, די פונקען,
פון הערצער פלאַמיק-נאָענטע.
פליען-אָן
מיין וועג באַלייכטן,
זינגענדיקן יום-טוב,
ווי אַ פאַקל
אין דער פינצטער צינדן.

ווי גוט עס איז...

ווי גוט עס איז וואָס מיינע פיס
קאָנען נאָך אַ שפּרונג טאָן אין דער הויך,
גרינג און בייגיק ווי אַ קינד.
זיי פאַרגעסן אַז מיין קאָפּ איז גרוי,
אַז אַ האַלב־יאָרהונדערט איז זיך שוין
אַוועק אַזוי,
אין ווירבל פון מיין דור.

ווייזט אויס,
אַז אויך אין שווערסטן שטורעמווינט
מיין האַרץ האָט איינגעהיט
די פרישקייט פון אַ קינד,
די לוסט צו טאָן אַ זינג
אין גרויסן מענטשן־כאָר.

ווילט זיך נאָך, יאָ, ווילט זיך נאָך
טאָן אַ שפּרונג
ביז די הימלען אין דער הויך!
אַזוי, אַז יעדער נייער, פינקלענדיקער שטערן
זאָל דעם צאַפּל פון מיין האַרץ דערהערן
און ניט פאַרוואַנדלען מיך
אין פלאַם און רויך.

אָ, פרילינג מיינער...

אָ, פרילינג מיינער, פרילינג!
ווי פרי דו ביסט פאַרשוואונדן!
נאָך איידער האָסט צעבליט זיך,
האָט דיך אַ קויל פאַרוואונדעט.
אַ האָגל שווערע שטיינער
דיין בליאונג האָט פאַרשניטן,
נאָך היינט מיין הארץ טוט וויינען
אויף יענעם קריג-געוויטער.

אָ, פרילינג מיינער, פרילינג!
אינמיט פון שטורעמס, שלאַקסן!
געפּרואווט די וועלט דאָן טראָגן
אויף מיינע שמאָלע אַקסל.
מיט משא אויף די פליגל,
ווי שווער געוועזן דער פליען!
אָ, פרילינג מיינער, פרילינג,
ווּעסט מער שוין, מער ניט בליען!

אָ, פרילינג מיינער, פרילינג!
ווי שנעל דו ביסט פאַרשוואונדן!
איך זוך דיין אָטעם פרישן
אין פרייד פון מיינע קינדער.
פאַרבליבן מיר אַ ווייטיק
אויף דעם, וואָס כ'האָב פאַרלאָרן —
שוין קיינמאָל מער וועלן בליען
מיינע פרילינג-יאָרן!

איך מאָן ביי וועלט . . .

איך מאָן ביי וועלט אַט יענע פרייד,
וואָס איז געגעבן מינדסטן פלאַנץ,
וואָס רוישט אין גראָז, אין בוים, אין טייך,
און איז מיט פאַרב און קלאַנגען רייך.

אַט יענע פרייד פון קינד אין גאַס,
וואָס לויפט און שטיפט און הילכיק לאַכט,
און שפרינגט ווי לאַשעקל אין פעלד,
אָן זאָרג, אָן שרעק פאַר בייזער וועלט.

מיר קומט, מיר קומט פון וועלט די פרייד!
מען האָט פון מיר זי צוגערויבט.
אין יונגע טעג, אין זיסע נעכט,
נויט און טויט פאַר מיר געזייט . . .

און שטענדיק, שטענדיק האָט די זאָרג,
די שרעק פאַר קריג, די שרעק פאַר נויט
געפרעסן מיינע פרוכט און ברויט,
ווי אַ וואָרעם אויף אַ בייט.

מיר קומט, מיר קומט פון וועלט די פרייד!

האַרבסטן גאָלדענע

אָ, די האַרבסטן גאָלדענע!
ווי זיי גליען אין די שקיעהס,
ווי זיי פלאַמען מיט פאַרלאַנגען!

חלומות לאַנג-פאַרגאַנגען,
בענקשאַפט לאַנג-פאַרשטיקטע,
ווערטער נישט-דערזאָגטע,
צינדן, גליען, מאָנען . . .

אָ, דער ניגון פונעם לעבן
אין די רייצנדע פאַרנאַכטן!

ער שפּילט נישט שטיל ווי האַרפע,
ער קלינגט נישט צאַרט ווי פלייטן.
אין בלעטער-ווירבל רויטן,
אין ווינטן ווילדע, שאַרפע,
עס רוישט דער הונגער און דער דראַנג
פון ערב פאַרגאַנג.

אָ, איצט, ערשט איצט
פאַרשטייסטו, פילסטו
טעם און רייץ — עשירות פונעם לעבן!
אָ, איצט, ערשט איצט
דו וואָלסט אַזוי פיל ליבשאַפט געבן!

ווי אויסטערליש אין האַרבסט
עס גליט דאָס לעבן!

פאַרלאַנגען . . .

ניט-דערפילטע, ניט-אויסגעלעבטע פאַרלאַנגען
לעבן ערגעצוואו אין דיר פאַרבאָרגן, שטיל.
ווי זילבער-פיש אין בייזער נעץ געפאַנגען,
זיי צאַפּלען-אויף צומאָל מיט נייעם ווילן,
ראַנגלען זיך מיט פליכטן און געפילן
און בלייבן ווי פאַרטויבט, נאָך דורכפאַל און פאַרדראָסן.
אין טיף פון דיר, מיט נעפל פיינלעכן פאַרהאַנגען,
עס דרעמלען ווי פאַרגליווערט און אָטעמען פאַרלאַנגען.

און ערגעץ אין דער נאַכט, ווען נאָך אַ טאָג אַ שווערן,
דו ליגסט און טראַכסט און בעטסט אויף זיך די רו,
זיי שטייען אויף פון שלאָף ווי אויסגעדאַרטע בערן,
אויסגעהונגערט נאָכן האָניק פאַרן האַרץ און גוף.
ווי בייזע וועלף, זיי רייסן דיך אויף שטיקער
און טרייבן דיך דורך וואַלד פון שפּיגלען לויטער גלאָז,
ביז עס שרייען אַלע דיינע טרוימען ווידער
און טרערן לאַנג-פאַרשטיקטע גיבן זיך אַ גאָס.

דו ביסט פּאַראַן . . .

איך האָב געוואוסט דו ביסט פּאַראַן,
נאָר גרייכן דיך כ'האָב נישט געקענט.
די בענקשאַפט צווישן לײדיק־קאַלטע ווענט
וואָס האָט געדריקט, געמאָנט, געוועקט,
האָט דײַן געשטאַלט מיר ניט אַנטפּלעקט.

וואו ביסטו איצט?

צי אײַלסטו ערגעץ אין דער נאַכט,
ווי איך אין אײנזאַמקײט פאַרטראַכט?
צי אויף אַ שמחה צווישן פרײַנט
גייט־אויף דער נעכטן און דער הײַנט
און מיטאַמאָל ווי וואָלסט דערשפּירט
מײַן בליק, מײַן גאַנג און מײַן באַריר?
און ווי איך וואָלט לעם דיר געשוועבט,
דו הערסט איך זאָג:
„פאַר דיר איך לעב!"

און אפשר יאָגסטו אין אַ באַן?

מיר דאַכט, דו פליסט אין עראָפּלאַן,
וואָס בליצט אין הויך מיט בראַזג־געברום
און ציט מײַן אויג און זאָגט מיר אָן:
„ער קומט, ער קומט
צו דיר אהער!"

איך ווייס, איך ווייס דו ביסט פּאַראַן,
נאָר גרייכן דיך איז אַזוי שווער . . .

אַזוי פיל ווערטער . . .

אַזוי פיל ווערטער לעבן אין מיר צאַרטע,
כ׳האָב זיי, דאַכט זיך, קיינמאָל, קיינעם ניט פאַרטרויט.
פריש און לויטער אין מיין האַרץ זיי וואַרטן,
ווי פייגל שטראַליקע צום פליען גרייט.

וועמען זאָל איך אָט־די ווערטער שענקען ?
כ׳האָב מיין ליבשאַפט גאָר דער וועלט געטיילט.
וועט דען עמעץ ערגעץ־וואו געדענקען,
אַז מיין האַרץ איז איבערפול מיט צאַרטע רייד ?

איך בין פאַרפלייצט מיט לאַשטשענדיקע קלאַנגען,
וואָס שטראָמען אין מיין בלוט און רייסן זיך אויף פריי.
ערגעץ־וואו זיי וועלן דיך דערלאַנגען
און אַנטרינקען דיין דאַרשט, ווי מיין.

ערגעץ וואַרט אויף מיר...

ערגעץ וואַרט אויף מיר אַ טאָג פֿון לויטער שיין.
ערגעץ קלייבט זיך ווער פֿון ווייט
צו מיר אַהער,
וואו כ'האָב געלעבט די שעהן פּיין,
די שעהן איינזאַמע פֿון וויי.

קומען וועט ער דאָ צו מיר צו גיין,
מיין האַנט אין זיינער נעמען ליבלעך, צאַרט
און זאָגן מיר:
„גענוג געוואַרט!
גענוג געבענקט, געוויינט!
כ'בין דאָ!
כ'וועל מער ניט לאָזן דיך
אַליין!"

דערוואַרטונג . . .

דערוואַרטונג ווערט פון האָפענונג גענערט.
ווי גרינער זאָמען אונטער ערד,
זי וואַקסט אין דיר אומגעזען און אומגעהערט
און גיט דיין גרויען טאָג פון שווערער מי
אַ העלן שיין פון אויסגעטרוימטן גליק,
וואָס וואַרטסט אויף דעם נאָך פון דיין וויג.
און כאָטש עס האָט דיך פילע מאָל גענאַרט,
דו וואַרטסט אויף דעם, דו וואַרטסט.

דיין וואַרטן איז ניט אומבאַוועגלעך, קאַלט,
נאָר ווי די ערד וואָס קרייזט אַרום דער זון,
עס וואַרעמט דיך, זאָגט־אָן:
עס קומט, עס קומט
דיין פרייד, דיין גליק, דיין אַלץ!
עס מאָלט פאַר דיר אַ ליב געשטאַלט,
אַ בוים, אַ בלום, אַ טייך,
אַ וועלט פון אייביקן קאַיאַר —

ווי רייך, ווי רייך
די פאַרבן גליען אין דער גרוי פון וואָר!
דו שפּירסט:
עס זאַמלען כוחות זיך אין דיר,
וואָס וועלן מיטאַמאָל
אַ רים־טאָן ברייט די טיר פון יאָך,
און וועסט אַרויס צו זוניקייט און ליכט,
און וועסט ניט קוקן
אויף צוריק.

שרעק זיך ניט...

שרעק זיך ניט, ווען אויף מיין גוף
עס פאַלן, האָגלען שטיינער.
שטורעמס כ'האָב באַזיגט ניט איינעם,
בייגעקומען אוראַגאַנען
אין מיין גורלפולן שפּאַנען
דורך די ווירבלען פון מיין צייט.
ס'איז מיין כוח ניט קיין קליינער,
ער קומט פון פאָלק, פון קוואַלן ריינע,
וואָס שלאָגן טיף און וייט.
פאַרוואָרצלט כ'בין ווי בוים אין ערד,
מיך פאַרטיליקן איז שווער.

אָ, קוק אויף פּאַלמעס, ווען דער שטורעם
טרייסלט זייערע קרוינען!
שמייסט און ברעכט די פעכער־בלעטער,
די צווייגן אַדערדיקע, גרינע!
אָ, קוק אויף פּאַלמעס אין געוויטער,
ווי זיי זוכן צו פאַרהיטן
זייער שיינקייט, זייער לעבן!
זע, זיי גראָבן טיף די וואָרצלען
און זיי רופן און זיי שרייען
העכער, העכער פון דעם וויכער:
„האַלט זיך, האַלט זיך צווייגן מיינע,
לאָזט דעם ווינט אייך ניט דערשרעקן!"

זאָל מיין צאַרטער אויסזען דיך ניט נאַרן,
ס'איז מיין וואָרצל שטאַרק און לאָזט מיך ניט פאַרדאַרן.

בלומען . . .

בלומען האָט מיין ליבסטער מיר געבראַכט,
רויטע רויזן, ווי אונדזער ליבע ריין.
פאַרשמעקן זיי מיט זייער דופט
אונדזער קליינע היים.

רויטע רויזן פלאַמען אויפן טיש.
פעטאַלן — סאַמעט־ליפּן —
דורשטן נאָך אַ קוש.

מיין ליבע . . .

מיין ליבע איז ניט
אַ פרילינג־רויז,
וואָס אַט זי בּישופט
און אַט איז זי אויס.

שטאַרק איז מיין ליבע,
ווי ס׳איז נאָך אַ שטורעם
דער בוים וואָס פאַרבליבן
און שטרעקט זיינע אָרעמס.

און זע, אויפן שפּיץ,
וואו קרוין איז פאַרשניטן,
עס שפּראָצט אַזוי פריש
אַ צווייגל אינמיטן . . .

דער האַרבסט אַרום שטאָט
מיט צעשאָטענע בלעטער,
דערשפּירט אַזאַ קראַפט —
דאָס גרינס, ווי אַ רעטער . . .

פלאַמט־אויף אַ צווייג,
אַ צווייטער, אַ דריטער,
מיט גאָלד און מיט זון
אַנטקעגן דעם ווינטער . . .

מיין ליבע איז ניט,
ווי אין פרילינג אַ רויז,
וואָס אַט זי בּישופט
און אַט איז זי אויס.

מיין ליבסטער...

מיין ליבסטער פאַרמאָגט האָט
פעך־שוואַרצע האָר,
אַ טייל בלויז די צייט האָט פאַרלאָרן;
און די וואָס פאַרבליבן,
ווי פעפער און זאַלץ,
באַ׳טעמ׳ען פאַרלוסט פון די יאָרן.

מיין ליבסטער איז ניט
אַזוי הויך, אַזוי שיין,
ווי אַפּאָלאָ, דער גריכישער גאָט,
דערפאַר איז זיין שמייכל
וואַרעם, באַ׳חנ׳ט,
אַ האַרץ פול מיט ליבע ער האָט.

און אויגן פאַרמאָגט ער,
וואָס ווערן ניט אַלט.
זיי צערטלען, זיי לויכטן פון גליק.
און קוקט ער אויף מיר,
דערזע איך עס שטראַלט
מיין יוגנט אויפסניי אין זיין בליק.

דו, אייביקער טרוימער

דו אייביקער טרוימער, דו זוכער פון גליק —
פאַרוואָס אַזוי אָפּט פאַרנעפּלט דיין בליק?
צי זע איך דען פינקלען אין אויג דיין אַ טרער?
דיין ליפּ איז פאַרשלאָסן. דו זינגסט שוין ניט מער.

עס שלאָגט דאָך דיין האַרץ־קלאַפּ אין פּולס פון מיין ליד.
דיין חלום, דיין ליבשאַפט אין וואָרט מיינעם גליט.
בלויז דער וואָס קאָן טרוימען, אים זען איז באַשערט
די שיינקייט אין מענטשן, זיין וואונדער־געוועבק.

דו חלומסט פון יונגע און פרידלעכע טעג
וואו מענטש וועבט דעם פאָדעם פון פרייד אין באַוועג,
וואו אַרבעט איז שפּיל און שפּיל איז פאַרמעסט —
דעם „אחרית הימים" אין טרוים דיינעם זעסט.

פונוואַנען דען פּלוצלונג די כוואַליע פון וויי?
צי פּילסטו דעם שטורעם, דעם וויכער־זאַוויי,
וואָס טרייסלט די גרונטן און שמעטערט די בערג,
די וואָרצלען פון אומרעכט רייסט און צעשמעטערט?

דו ליכטיקער טרוימער! פאַרוואָס ווערט דיין האַרץ
אין ווינטן — פאַרקלעמט, אין טרויער פאַרשפּאַרט?
איז חלום אַ בלום, אַ צאַרטע געשטאַלט,
צי איז עס אַ דעמב, ווען שטורעם באַפאַלט?

אין מיטן וועג . . .

ווען כ׳קוק אויפן שליאַך פון די ברוויזיקע יאָרן,
כ׳זע אָפּט אָט־אָ־די וועלכע שפּאַנען אומזיכער,
ווי ערגעץ זיי וואָלטן דעם גלויבן פאַרלאָרן,
אַז אָנקומען פרייִדיק, מיינט אָנקומען זיכער.

עס רוישן וואו קוואַלן, עס הייבן זיך בריקן,
אַריבער די נעכטנס, עס רופן די ווייטן;
נאָר זיי, ווי צעטומלט, מיט אָטעם פאַרשטיקטן,
אַלץ פרעגן און פאָרשן וואָס טוט זיך ביי לייטן.

זיי וואַקלען זיך, בלאָנדזשען אינצווישן די גייער,
ווי טויזנטער אויגן עס וואָלטן זיי שרעקן . . .
עס ציט זיי אַהין און עס ציט זיי אַהער —
איז בלייבן זיי ערגעץ אין מיטן וועג שטעקן.

אין מיטן וועג גרינט ניט דער בוים פון פאַרליבטע,
אין מיטן וועג טריקנט דער קוואַל אויס אינגאַנצן.
וואו זאַמדיק דער באָדן, דאָרט שפּרייט זיך אַ וויסטע
און ס׳וואַקסן בלויז קראַנקע און שטעכיקע פלאַנצן.

די וועלט . . .

די וועלט איז אַלץ נאָך גרויס גענוג
און פול מיט וואונדער.
אַ נייער, אַ קיינמאָל ניט-געוועזענער,
עס ווערט דער טאָג געבוירן.
פון אַלע ווינקלען, אַלע לענדער,
ער טראָגט דיר בשורות ;
מיליאָנען הענט און הערצער
ציען זיך צו אים,
דעם נייעם,
דעם קיינמאָל-ניט-געוועזענעם,
אים באַנעמען און באַצווינגען.

אַזאַ גרויס געוויין ציטערט דורך זיין שיין !
קריג, פאַריאָכונג, פיין . . .
די העלע לעבנס-פרייד שפרינגט-אָפּ
און זאַפּט עס איין,
און קוועלט פאַרויס אין קרעפטיק-נייע שטראָמען,
פאַרביק, ראַשיק,
אַריבער אָפּגרונטן און תהומען.

דער נייער טאָג
האָט זיין נגינה שוין צעקלונגען :
פרייד מיט טרערן אויסגעמישט,
צער מיט האָפענונג פאַרזיסט.
דורכפאַל און נצחון,
אויסדויער, בטחון,
און ביטערער פאַרלוסט.
דער דאַרשט, דער גלוסט,
דער גרויזאַמער געדראַנג.
פאַרב און קלאַנג.
און איבער אַלץ דער וואונדער :
לעבן, טוען, זיך באַוועגן,
ליבן, ליידן,
קעמפן,
זיגן.

מיין פאָלק

פונוואַנען די עקשנות?

פונוואַנען אַזאַ אימפּעט, אַזאַ קראַפט? — דו פרעגסט.
פונוואַנען די עקשנות, דער פלאַמיק־הייסער דראַנג,
וואָס לאָזט דיך נישט אין רו גלייכגילטיקער פאַרוויגן,
נאָר טראָגט דיך קעגן אומרעכט, קעגן בייז און קריגן,
און גיט דיר גלויבן, אַז דאָס גוטע אין דעם מענטש וועט זיגן.

עס האָבן אבות מיינע ערגעץ אין פאַרצייטן
די גבורה־קערנער פון מיין שטאַם אחריותדיק פאַרזייט.
און אויפגעגאַן פון זיי איז בוים און בלום און זאַנג,
וואָס האָבן דורות ווייטע געמוטיקט אין דעם גאַנג.
דער ווינט האָט זיי געריסן און פייער זיי געברענט,
נאָר וואָרצלען אויף צעשטערן קיינמאָל נישט געקענט.
און פון דעם אַש פאַרברענטן איז אויפגעגאַן אַ פלאַם —
עד היום די פונקען גליען אין מיין שטאַם.
און איינער אַזאַ פונק האָט היינט באַרירט מיין צונג,
ברען איך מיט דער גבורה וואָס איז אייביק יונג.

גיס זיך אָן מיט קראַפט

גיס זיך אָן מיט קראַפט, מיין הארץ.
שעפּ דעם כוח פון דעם פאָלק,
וואָס דורך דורות ווי און פּיין,
ער טראָגט זיין שליחות.

היט־איין
גלויבן פרישן פון אַ קינד,
וואָס פרואווט אויפסניי
און זוכט אויפסניי
און — געפינט.

גיס זיך אָן מיט קראַפט, מיין הארץ.
שעפּ דעם כוח פון דעם פאָלק,
וואָס האָט פאַרהיט דעם לעבן־ווייען
פאַר דעם וואָס דאַרשט,
פאַר דעם וואָס גאַרט,
און טרינקט אים אָן,
און מאַכט אים שטאַרק.

גיס זיך אָן מיט קראַפט, מיין הארץ.
שטורעמס ברעכן־אוים
און שטורעמס שטילן־איין
און ווייטער שטראָמט אומענדלעכקייט
פון לעבנס־ים.
נאָר ס׳בלייבט אַ קאַרב פון יעדן ווינט
אין דיין געמיט
און דו געדענקסט —
אויך דו פאַרהיטסט.

 נים זיך אָן מיט קראַפט, מיין האַרץ.
דו, וואָס ביסט נאָך גאַנץ
אונ ווילסט נאָך געבן פיל —
אין ליבשאַפט און אין פרייד,
אין מעשים און אין שפּיל —
בלייב ניט שטיל.
שעפּ דעם כּוח פון דעם פאָלק ;
שלאָג מיט גבורה,
שלאָג מיט שטאָלץ.

באחרית הימים

עס זינגט אין מיר אַ געזאַנג פון באחרית הימים,
ישעיהס געזאַנג געטראָגן דורך מיין דור;
דורך פייערן און טרערן און יסורים,
עס זינגט אין מיר אַ חלום
וואָס וועט ווערן וואָר.

(... און אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס ...
... און מענטש וועט מער נישט לערנען מלחמה ...)

אָ, מענטש! אָ, וועלט!
די ימען בלוט וואָס האָסט פאַרגאָסן,
די טרוימען ליכטיקע וואָס האָסט צעשטערט,
זיי זיינען אַלץ נאָך נישט פאַרפלאָסן,
זיי ברויזן, זידן איבער ערד.
קיין שפּאַנט נאָך אַלץ מיט צייכן אויפן שטערן,
דער האַקנקרייץ גייט אויף אין קרעמאַטאָריע־רויך,
און ברענענדיקע צלמים,
תליות מיט פאַרקוילטע גופן,
פלאַמען אין מיין האַרץ און מוח.

אָ, מענטש! אָ, וועלט!
ווי לאַנג, ווי לאַנג
די רשעות און דער פּיין!
עס שרייט דער יאָך,
עס גרוילט דער בראָך,
עס וויינט די ערד,
עס זיפצט דער קאָרן,
פויסטן ביילן זיך אין צאָרן —
רייף און גרייט איז שוין די שעה:
„באחרית הימים" — **היינט! דאָ!**

— — — — — — — — — — — — — — —

פלאַטערט ס׳האַרץ . . .
אַ ים צעבויטעטער — מאַרש פון פעלקער אויפגעוואַכטע,
אַ דונער קנאַליקער — רוף פון הערצער אויפגעבראַכטע.
ער הייבט מיך, טראָגט מיך אין גאַלאָפּ —
איבער גאַרער וועלט קלינגט אָפּ:
„שטעל־אָפּ!

אַטאָמען־מאָרד שטעל־אָפּ!"

דערזע איך:
ס׳בלוט שטילט־איין, הערט־אויף צו שוימען,
אַ נייע הויט פאַרציט די וואונדן פון דער צייט;
און איבער ערד, איבער רוימען,
ברייט און ווייט,
גייט־אויף אַ פריידיק־זיגערישער שאַל,
אַ טריאומפאַלער גלאָקן־קלאַנג,
און אַלע הייסע, אָפּגעהאַקטע טרוימען
לעבן־אויף און גיסן זיך אַריין אין דעם געזאַנג.

און ס׳זיינען שטעט שוין מער קיין דזשאָנגלס פון געפּעכטן,
און ס׳זיינען לענדער מער נישט אָפּגעצאַמט
מיט ווענט פון שטעכל־דראָטן;
און פעלקער־קריגן בלוטיקע פון נעכטן
אויף אייביק זיינען שוין פאַרבאָטן.

עס גרינט די ערד, עס בלויען ימען,
די וועלט פון חיה מענטשלעכער איז פריי,
שפּילן קינדער זיך מיט וועלף און לאַמען —
ישעיהס וויזיע ווערט מקוים היינט.

איך זוך אַ וואָרט...

איך זוך אַ וואָרט, מײַן פֿאָלק, אַ צאַרטן,
וואָס זאָל דיך פֿירן דורך די פּײַנען
אין דעם לאַנד פֿון רו געגאַרטן,
וואו עס גרינען אײביק לאַנען,
און די כוואַליעס פֿון די טײַכן
און דער מורמל פֿון די שטראָמען
זאָלן וואו דײַן צער דערגרײכן,
אים פֿאַרווינגן, ווי אַ מאַמע.
און מײַן וואָרט זאָל טרײסטן, היילן,
אַלץ געדענקען, אַלץ דערציילן.

איך זוך אַ וואָרט, וואָס זאָל די ריסן
אין דײַן לײַב מיט הויט פֿאַרציען
און דערוועקן דעם געוויסן
דאָרט וואו האַלעוועשקעס טליען,
צו דערשפּירן און דערקענען
ווער די פֿרײַנט און ווער די שונאים,
ווען דאָס לעבן ווערט געשענדעט
און פֿאַרדעקט מיט פֿאַלשע פּאָנען.
זאָל מײַן וואָרט דיך רופֿן, וועקן,
זאָלסט נישט צווײפֿלען און זיך שרעקן.

איך זוך אַ וואָרט אַזאַ צעהעלטן,
וואָס זאָל אין נאַכט די זון דערלאַנגען
און דעם טרויער אין דײַן האַרצן
לײַטערן אין וואונדער-קלאַנגען.
און פֿאַרהײלן דײַנע וואונדן
און באַנײַען דײַנע כוחות,
זאָלסט אויפֿסנײַ אין מוט צעצונדן
אויפֿגײן ווי אַ שײן פּאַר דורות.
און מײַן וואָרט, מײַן העכסטער שטרעבן,
אין דיר, מײַן פֿאָלק, אין דיר זאָל לעבן.

אין חודש אַפּריל . . .

אין פּסח, אין חודש אַפּריל ס׳איז פאַרלאָפן,
אין פרילינג, ווען ערד וואַכט־אויף פון איר שלאָפן
און גיסט־אָן מיט זונשיין פאַרוואַרלאָזטע סקווערן
און ווישט־אוים פון אויגן פאַרטריקנטע טרערן.
אָט דעמאָלט, ווען ס׳שפּראָצן די גראָזן פון גרונטן,
און זיסקייט פון לעבן צעזינגט זיך אין בלוטן,
עס האָבן די לעצטע אין וואַרשעווער געטאָ
שוין מער ניט געזוכט קיין אויסגאַנג, קיין רעטונג.
געפלאַקערט מיט הייליקן פלאַם פון נקמה
פאַר לעבנס געשענדעט, פאַרהונגערט, פאַרמאַרעט;
פאַר קינדער פאַרגאַזטע, פאַרפּייניקטע מאַמעס,
פאַר טאַטעס פאַרשניטן, ווי דעמבעס פון שטאַמען.
און ס׳האָט אָט־דער פלאַם זיך דורך וואָכן צעצונדן
אין הערלעכער גבורה, אין גרויליקע וואונדן.
מיט נאַקעטער ברוסט געשמעטערט די רשעות,
אַז וועלט זאָל זיך טרייסלען, באַדעקן מיט בושה;
אַז וועלט זאָל דערהערן געשריי פון אַ פאָלק,
אין פּיינען געליטערט, אין פייער געשטאָלט,
אַ פאָלק מיט עקשנות און גלויבן, בטחון,
אין זיג איבער חיה, אין מענטשנס נצחון.

און ס׳האָבן געפלאַקערט די הייזער אין געטאָ,
געהרגעט די רוצחים, די טאַנקען געשמעטערט.
ביז לעצטער פון אויפשטאַנד געפאַלן פון מויער,
געוויקלט אין פאָן פון אייביקן דויער.
און ס׳איז פון דעם פלאַם אַ ליכט אויפגעגאַנגען,
געשפּרייט זיך, געלויכטן אין בילדער און קלאַנגען.
זעקס מיליאָן ליכט! זעקס מיליאָן מנורות!
זיי שטראַלן אין פינצטער, אָן אָנזאָג פאַר דורות.
יאָר־איין און יאָר־אוים, די געטאָ זי שטאַרבט ניט.
די קדושים, זיי רופן: „וואַרט ניט, אַ, וואַרט ניט!
עס פלאַקערן פלאַמען — שווייגט ניט! נעמט לעשן!
איר זאָלט עס געדענקען! קיינמאָל פאַרגעסן!״

אַזוי פיל שטורעמס...

אַזוי פיל שטורעמס האָבן איבער מיר געריטן,
אַזוי פיל בייזע ווינטן אין מיין הויז געקלאַפּט,
און ווידער שטיי איך גרייט מיין היים פאַרהיטן,
און ווידער רייסט ווער מיינע לאַדנס מיט ברוטאַלער קראַפּט.

עס שטייט מיין הויז אַן אָפּנס אויף וועגן פון געשיכטע,
די פענצטער אויסגעהאַקט און אויפגעפּראַלט די טיר,
און יעדער צוגווינט הוליעט דאָרטן ווי אַ וויכער,
און יעדער דונער, ווען ער קראַכט, הילכט-אָפּ און טרעפט אין מיר.

— אויף וועג פון צייט מיין הויז צינדט-אָן איעדער פלאַקער
אין שריפה פון דער וועלט, ווי מוראדיק עס ברענט!
און וואו נאָר מענטש באַנוצט אַ ביקס אַנשטאָט אַן אַקער,
דאָרט בלוטיקט מיינס אַ קינד, דאָרט ווערט מיין פאָלק
פאַרלענדט

אַזוי פיל שטורעמס האָבן שוין מיין הויזגעזינט פאַרשניטן
און ווידער, אַ פאַריתומטע, איך בוי און איך פאַרריכט;
פון מענטשלעכן געוויסן איך בלייב דער טרייער היטער,
מיין הויז לויכט-אויף אויפסניי אין שיין פון יזכור-ליכט.

צום משפט!

דער גרויל פון לאַגערן
קאָן נים שטאַרבן.
אָן אויסגעהרגעטער דור
לעבט
אין די קאַשמאַרן
פון ניצול-געוואָרענע,
אין דעם פיין
פון פאַרפאָלגטע,
אין דעם געוויסן
פון גערעכטע.

אין טעג צעטרייסלטע,
אין צעריסענע נעכט,
שטייען-אויף די פּאַרשוניטענע,
שפּילן-אויס
זייערע גראָטעסק-טראַגישע ראָלן
אין די מוחות צעפלאַמטע,
און ציטערדיקע הערצער
פון לעבנגעבליבענע.

מיליאָנען אומגעבראַכטע
שפּאַנען איבער וועלט:
איבער אַש-פאַרזייטע פעלדער,
איבער שליאַכן און וועלדער,
איבער שיינענדיקע,
נעאָן-צעלויכטענע שטעט.

אין מיט פון אַ שמחה,
אין מיט פון אַ טאַנץ,
זיי באַווייזן זיך:
סקעלעטן אין בלוט-באַשפּריצטע קליידער,
קינדערלעך צעריסענע אין די
אויסגעשטרעקטע הענט,
יאָמער און צאָרן פאַרגליווערט אין אויג.

זיי שווימען אַן
מיט לייבער צעפּאַסעוועטע,
אָראָפּגעשאָסענע קעפּ,
דורכגעברענטע גופן.

זיי שטעלן זיך אריין
מיט פּויסטן געביילטע,
מיט שטעקנס און ביקסן,
מיט אייזנס און לאָמען.
„נקמה!״ ברומען זיי, „נקמה!״

אַ קנאַל הילכט אָפּ!
אַ בראַזג! אַ קראַך!
די ערד רייסט־אויף!
דער רויך פון קרעמאַטאָריעס
שלינגט די וועלט . . .

— — — — — — — — — — — — — —

דער גרויל פון לאַגערן
קאָן ניט שטאַרבן.
מיין אויסגעהרגעט פאָלק
שפּאַנט אום איבער וועלט
און מאָנט:
צום משפּט!
די רוצחים
צום משפּט שטעלט!

שלום־עליכם דיר, וואַרשע!

(צום באַזוך אין וואַרשע, פּוילן, אַפּריל, 1962)

נישט ווי אַן אויסלענדער, אַ פרעמדער,
מיט גאווה־שטאָלץ און נייגיר קאַלטן,
קום איך צו דיינע ברעגן, וואַרשע.
איך קום, ווי קינד פאַרבענקטע,
וואָס האָט דורך יאָרן ווייטע
אין נייעם לאַנד
איר אָנהייב, איר וויגל נישט פאַרגעסן;
אירע יידן, די בויענדיקע,
די טויזנט מאָל געפּרוואווטע,
דעם איבערבלייב פון אויפשטענדלער און קדושים,
אויף אייביק אינעם הארץ פאַרקריצט.

אַ מבול בלוטיקער האָט, וואַרשע, דיך פאַרגאָסן
און אומגעבראַכט מיין פאָלק אין דיר פאַרוואַרצלטן;
נאָר דו, אַ געלייטערטע, האָסט זיך פון בראַך אַרויסגעהויבן.
מיט נייעם גלויבן,
מיט נייע, מאָרגנדיקע לידער,
אין נייער פריי,
עס האָבן דיינע זין און טעכטער
דיך אויפגעבויט און אויסגעפּוצט אויפסניי.
און ווייל אין ערד אַריין, אונטער דיינע בלוט־באַשפּריצטע
שטיינער
עס רוט דאָס אַש פון מיינע שוועסטער־ברידער,
און ווייל דער איבערבלייב דער קליינער
פון מיינע יידן,
ביי דיר איז חשוב, גלייך און זיכער
און שפּאַנט מיט דיר צוזאַם
צו מאָרגנס שטראַליקע, פון שלום און פון לעבן,
ביסטו ביי מיר נאָך טייערער ווי פריער
און כ׳קום דיר שלום געבן.

איך וואַנדער אום אין שטעדלעץ...

איך בין געקומען דאָ מיין קינדהייט ליכטיקע געפינען,
אויף גאַסן היימישע דערקענען ערשטע מיינע טריט.
ווי העל און וואונדערלעך עס האָט מיין דמיון
דורך יאָרן דיך באַשטראַלט אין מיין געמיט!

נאָר חלום איז אַ פּחדן וואָס אַנטלויפט פון אמת,
אַ קינסטלער וואָס ער מאָלט דיין האַרץ-פאַרלאַנג.
צי איז עס דאָ געווען, צי האָב איך עס געחלומט?
פאַרוואָס איז אַלץ דאָ פרעמד מיר — פרעמד און באַנג?

איך וואַנדער אום אין שטעדלעץ, זוך אַ היימיש פּנים.
אַט איז די יאַטקע גאַס, די דלוגע... אַ, ניין, כ׳דערקען זיי נישט!
מיין זיידנס הויז צעשטערט... פאַרקלאַפּט דער טיפער ברונעם...
ווי גרויזאַם יאָרן בלוטיקע האָבן אַלץ פאַרווישט!

אין גאָרטן שטאַטישן איך הער די ביימער וויינען.
דאָס טייכל לעבן באַרג — וואָס רוישט עס היינט און ברומט?
וואו זיינען מיינע חברטעס, די לוסטיקע, די שיינע?
איך שפּיר ווי שאָטנס טונקעלע רינגלען מיך אַרום...

עס גייען-אויף די פּנימער פאַרדאגהטע פון יידן,
די גרויע זאָרג פון וואָך, די שבת-יום-טוב פרייד;
דער טומל און דער רעש, דאָס האָווען אויף יאַרידן,
און יוגנט-הונגער, קאַמף, פון גרויסער וועלט דער רייץ...

אַ, יאָרן קינדערשע אין שטאָט פון מיין געבוירן,
ווי פול איר זייט געווען מיט טרערן און געזאַנג!
דורך טעג פון וואָקסן, טרוימען, אין לאַנד מיין איבער ימען,
ווי שיין כ׳האָב אייך געמאָלן אין געדאַנק!

א כוואַליע בלוטיקע האַט ,שעדלעץ, דיך פאַרגאַסן,
דעם אָטעם פון מיין קינדהייט אין גרויל און שאַנד דערשטיקט.
נאָר האָפענונג איז ערגעץ נאָך אין האַרץ געפלאָסן,
איצט שטיי איך, שוידער, שטוין: ווי קליין, ווי פרעמד דו ביסט!

די הייזער — איינגעשרומפן, די געסלעך — לאָמע, קרומע.
איך הער נישט קלינגען מער מיין זאַפטיק יידיש וואָרט.
„זיי זיינען אומגעקומען!" „זיי זיינען אומגעקומען!"
עס שרייט צו מיר איעדער שטיין, איעדער וויסטער אָרט.

אויף נייע, ברייטע גאַסן וואַקסן יונגע הייזער.
א קוימען פון פאַבריק אין הימל שניידט אַריין.
עס שפּרייזט די שטאָט פאָרויס מיט גרויסע, פעסטע שפּרייזן,
נאָר איך דערקען זי נישט — זי איז מער נישט מיין.

ציגעלעך . . .

(באַלאַדע)

דורך האַרבסטיקן פעלד איז געגאַנגען אַ פרוי,
מיט זילבער איר קאָפּ און פאַרנאַכטיקן גרוי,
די אויגן — מיט חכמה, דער שטערן — פאַרקלערט,
מיט גוטסקייט דאָס האַרץ צום מאָרגן געקערט.

זי האָט ביי די הענט צוויי קינדער געפירט,
אַ מעשה דערציילט זיי פון ציגעלעך פיר,
וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אינמיטן דער נאַכט
און קינדערלעך צוויי אַהיים זיי געבראַכט.

געפרעגט האָט די בלאָנדע, שטיפערשע שוירלי:
„אַהיים זיי געבראַכט? גאַנץ? ניט-געקוילעט?"
דאָס טונקעלע יינגל געפרעגט האָט פאַרטראַכט:
„איז דען ניט דער פאַסטוך געווען אויף דער וואַך?"

פאַרשעמט האָט די אַלטע דעם קאָפּ אַפּגעקערט.
די מעשה זי האָט פון איר מאַמען געהערט,
נאָר ס'איז איצט איר מאַמעס געשטאַלט איבער וויג
פאַרגאָסן מיט בלוט . . . איר ניגון דערשטיקט . . .

און ס'הערן די קינדער אַ זיפץ און אַן „אוי",
און טרערן צוויי פאַלן, לויטער ווי טוי,
אויפן פאַרברענטן גרינינקן טאָל,
וואו ציגעלעך האָבן געפיטערט אַמאָל.

„דערצייל ווייטער, באָבע, דערצייל", בעט זיך שוירלי,
„פון ציגעלעך, וועלכע מען האָט ניט געקוילעט".
און ס'שמייכלט די באָבע: „אַמאָל, ביי די וויגן,
האָבן יידישע מאַמעס געזונגען אַ ניגון" . . .

שוירלי, די זיסע, שפּרינגט־אונטער און לאכט:
זי וועט זינגען דאָס ליד צו איר ליאַלקע ביינאַכט.
דאָס יינגל, ווי אַ גרויסער, פאַרטרוימט און פאַרזאָרגט,
נעמט וועבן חלומות פון ניגון און וואָרט.

ער איז גאָר אַ פּאַסטוך, אויף אַ פייפל ער שפּילט,
אַרום אים אַ סטאַדע פון ציגעלעך פּיל,
אי ווייסע, אי שוואַרצע, אי ברוינע אָן צאָל,
און גרין איז די ערד און שטראַליק דער טאָל.

די אַלטע, אַ מידע, האַלט־איין איר טראָט,
וואו עס ענדיקט זיך פעלד און עס הייבט זיך אָן שטאָט,
און זאָגט צו די קינדער: „איצט גייט אייך אַליין,
און איך וועל דאָ רוען ביים וועג אויף אַ שטיין".

מזל־טוב יידן!

מזל-טוב יידן! געשלאָגן האָט אונדזער שעה:
מדינת ישראל גייט-אויף און איז דאָ!

אין בלוט און אין טרערן, דורך פייער און שטאָל,
אַ שטאָלצע עם פלאַטערט די פאָן פון ישראל!

ניט חורבן און שחיטות, ניט שנאה, פאַרראַט,
קאָן בינדן מיין פאָלק, קאָן שטערן זיין טאַט!

געלייטערט אין פייער, אין קרעמאַטאָריעס געשטאָלט,
עם בויט אַ מלוכה מיין לעבעדיק פאָלק!

אין פריינטשאַפט פון פעלקער, אין שלום צעבליט,
זאָל לעבן ישראל, די מדינה פון ייד!

אין ברכה פון אַרבעט, אין ליבשאַפט פון הענט
זאָל אויפגיין די שפע פון לאַנד און פון מענטש!

מיין פאָלק זאָל ניט ווערן אַ שותף צו רויב,
זאָל קיינמאָל ניט שעכטן פון שלום די טויב.

די פריינט און די שונאים אין שעה פון זיין נויט
געדענקען ביים טיש פון פרידלעכן ברויט.

אין כאָר פון די פעלקער באַפרייטע פון צוואַנג
זאָל קלינגען דערהייבן ישראלס געזאַנג.

יובל, יובל, ישראל!

(צום יום עצמאות—טאָג פון זעלבסטשטענדיקייט, מאַי, 1967)

שטיי-אויף, מיין פאָלק, פון דעם חורבן!
שטיי-אויף, געניג דיר שוין טרויערן!
דיין חלום פון טויזנטער יאָרן
איז דיר מקוים געוואָרן!

יובל, יובל, ישראל,
אין טאָג פון דיין ווידערגעבוירן!

די האַרפעס ניט הענג, ווי אין בבל,
אויף ביימער ביי טייכן, פאַרלוירן —
נאָר זינג שיר השירים צום לעבן,
צעעפן פון שמחה די טויערן!

יובל, יובל, א.אַז.וו.

צו להכעיס דעם אומרעכט און שקר,
צו להכעיס די שאָטנס וואָס הויערן —
טאַנץ! טאַנץ אויף די בערג פון יהודה,
אויף גרעניץ וואו שונא טוט לויערן!

יובל, יובל, א.אַז.וו.

צעקלינג דעם אָנזאָג אויף שלום,
דרינג-דורך די שטיין-טויבע אויערן —
באַשטראַלן דיין לעבן און בויען
זאָל גבורה פון אַרבעט-גיבורים!

יובל, יובל, א.אַז.וו.

אין שטעט, קיבוצים און פרדסים,
עס פלאַטערט דיין פאָן פון די מויערן —
זאָל וויין זיך צעשוימען אין בעכער!
לחיים צו לעבן און דויערן!

יובל, יובל, ישראל,
אין טאָג פון דיין ווידערגעבוירן!

דוד און גלית

אין טעג פון שרעק,
ווען ס'האָבן שונאים דיינע
מיט גאַרטל שטאָלענעם גערינגלט דיך,
א וואָרף געטאָן זיך
דיך צעדריקן און דערשטיקן —
דו ביסט, ישראל,
ווי דוד קעגן גליתן אויפגעשטאַנען
און מיט איין זעץ
די נעץ פון רשעות דורכגעלעכערט,
דעם רינג פון שטאָל און פייער דורכגעבראָכן
און צעשמעטערט.

און ס'האָט די וועלט געגאַפט, געשטוינט
און נייע נעצן גלייך גענומען שפינען . . .
און ווי !
דאָס לאַנד פון גרויסן טרוים-באַגינען,
פון רעגנבויגנס האָפענונג און גלויבן
אין נייעם מענטש, אין מענטש פון מאָרגן
וואָס וועט אין בוי און איבערבוי
פון וועלט-יסודות
גערעכטיקייט און שלום אייביקן געווינען —
אויך אָט דאָס לאַנד,
באַוואָפנט דיינע שונאים ?
שליידערט ווערטער, ווי אָנגעגליטע שפיזן —
ישראל — א קרבן צווישן ריזן ?

קאָרטשעט זיך דאָס הארץ פון ווייטיק
און פאַרדראָס :
פאַרוואָס ? ! פאַרוואָס ? !

און דוד שטייט —
ער איז גרייט.
אין איין האנט א ביקס,
אין דער צווייטער —
ישעיהס רוף פאר שלום.
— נעם־אן, שטרעק־אויס, א וועלט, דיין ארעם
און זאל שוין בלוט זיך מער ניט גיסן! —

נאר דער שונא בלייבט פארביסן
און די וועלט זי נעמט זיך קליגן,
אין האס, אין בלוט און פייער וויגן — — — — —

און דוד שטייט . . .
פאר זיין לעבן, פאר זיין קיום
ער מוז און וועט זיין גרייט.
אויב באפאלן ס'וועט דער שונא ווידער —
אין ים צו טרייבן שוועסטער־ברידער,
דערטרינקען קינדער אין די וויגן —
דוד מוז און וועט
איבער גליתן ווידער זיגן.

יוני, 1967

די וועלט פון מאָריס ראָזענפעלד

די וועלט פון מאָרים ראָזענפעלד
שטייט אויף פאַר מיר
מיט אירע ענגע, טוכלע ווענט,
די פייכטע שווינדזוכט ווענט,
מיט זייער דחקות און געוויין.

... וואו בין איך דאָ?
אַזאַ פינצטערניש אַרום!
איך הער געזשום
פון ניי־מאַשינען,
דעם פאַרמאַנס בייזן קול,
און פלוצלונג כ׳הער אַ זינגען,
דעם „בלייכן אָפּערעיטאָרס” שטים —
צאַרט און טרויעריק און זים
עם גיט אַ ליד מיין האַרץ אַ רים:
„ניט זוך מיך דאָרט וואו די מירטן גרינען...”

דער שאַפּ, דער שאַפּ, בייטאָג, ביינאַכט!
דער שאַפּ אין שלאָף, ווי אויף דער וואַך.
געררוך פון שוויים, גערוך פון קויט,
פלייצעם — האָרבן, אויגן — רויט.
שנעלער, שנעלער טרייבט די ראָד!
ניט געפוילט זיך! אַזוי! אָט, אָט!
די נאָדל פליט אויף דעם געוואַנט —
אַ מענטש איז דאָ בלויז אַ האַנט...

באַליידיקט האַרץ. דער דאָרשט נאָך ליכט
ניט פאַרלאָשן, ניט דערשטיקט.
אין דעם געאייל, אין דעם געברום,
מענטשן־ווערדע ניט פאַרשטומט.
דער „בלייכער שקלאַף” צאָרנט, מאָנט.
רייסט־אויף דעם גלייכגילט־מאָנאָטאָן.
אַ פאָטער זינגט פאַרקלעמט אַ ליד:
„איך האָב אַ קליינעם יינגעלע”, —
און אַ פאָלק זינגט מיט.

מאָרים ראָזענפעלד,
טרערן־מיליאָנער,
בלינדער בעטלער־טרובאַדור,
גראָטעסק פון טראַגיק און געוויין.
ער וואַקסט פאַר מיר ביז ווייטיק
אין זיין דערנער־קרוין,
ער בלוטיקט אין מיין האַרץ.

זיין געפאַלנקייט איז שטאָלץ,
זיין אָרעמקייט — עשירות,
זיין אויסגעשריי — פּראָטעסט
פון צאָרנדיקער גבורה!

די וועלט פון מאָרים ראָזענפעלד
שטייט אויף פאַר מיר
ווי וואָרענונג און דערמאָנונג.
אין חושך פון אירע טוכלע ווענט
דאָס ליכט איך שפּיר,
וואָס האָט מיין דור האַלב־וועג דערפירט
און וועט צעפּלייצן ברייט און העל
אין וועלט, וואָס שטייט שוין אויפן שוועל.
איך וויים:
אין איר אַלטן אוצר, ווי אין אירע נייע שטערן,
עס וועלן פריידיק פינקלען
אויך אונדזער דיכטערס טרערן.

דער זיידע, ר׳ מענדעלע

ווען איך וואָלט געלעבט מיט יאָרן צוריק,
איך וואָלט קיין אָדעס צום זיידן געקומען,
מיט יראת הכבוד באַטראַכט זיין געזיכט,
זיין תורה פאַרזוכט אויף מיין גומען.

די זילבערנע קרוין אויף זיין קאָפּ וואָלט געשטראַלט,
די אויגן געבליצט אונטער ברילן,
און איך וואָלט באַוואונדערט זיין שלאַנקע געשטאַלט,
זיין חכמה, זיין שאַרפזין, זיין ווילן.

ער וואָלט מיך גענומען אין וואַלד אויף שפּאַציר,
דורך שלמה רב חיימס זכרון,
זיין האַרץ פול מיט שיינקייט כ׳וואָלט דאָרטן דערשפּירט,
זיין ליבשאַפט, זיין ווייטיק און צאָרן.

דערהערט ווי עס זינגען די פייגל אין וואַלד,
ווי שטיל בלעטער שורשען אויף צווייגן,
געשניטן די רו וואָלט אַ מענטשנס געוואַלט —
אַ באַעוולהטער קאָן מער ניט שווייגן !

און מענדעלעס קול וואָלט געדונערט, געזעגט,
געריסן געוויקסן פאַרסמטע,
דערנאָך וואָלט אַ רעגן געבענטשטער פאַרשווענקט
דעם אָפּפאַל, דעם שימל פון שטאָמען.

ער וואָלט מיך געלערנט שלייפן מיין וואָרט,
די „פיאָוועקעס" ישראַליקס באַשרייבן,
און געבן דעם פאָלק ביכער און ברויט,
פאַראַזיטן פאַרלענדן, פאַרטרייבן.

און אפשר וואָלט ער מיך געגומען אויף בויד
מיט פישקעז און זלאַטעז באַקענען ?
די בעטלער, די טאַרבע, די רשעות און קויט,
און ליבע — אַ וואונדערלעך־ריינע.

כ׳וואָלט זיכער זיין „קליאַטשע" פון נאָענט באַטראַכט,
געזען ווי זי שלעפּט אַלץ איר משא;
געלערנט כ׳וואָלט אויסדויער, רחמנות און קראַפט,
און ווי „בעלי טובות" צו האַסן.

אין גלופּסק, אין קאַבצאַנסק, געזען כ׳וואָלט דאָס פאָלק,
ווי ס׳האָרעוועט, טומלט און וויינט;
און קהל מיט דער „טאַקסע" פאַרביסן און שטאָלץ,
די גבירים מיט הערצער פון שטיין.

נאָר פריער פון אַלץ עס וואָלט מיך דער זיידע
צו בנימין דעם דריטן גענומען;
פון רייזעס די וואונדער דערציילט וואָלטן ביידע,
געשוועבט אין וועלטן פון טרוימען.

דאָס „ווינטשפינגערל" אַוודאי כ׳וואָלט נוצן געקענט
אין איצטיקער צייט פון צערודער:
כ׳וואָלט אָפּגעשטעלט קריגן, צענומען די ווענט,
אַז מענטש זאָל צו מענטש זיין אַ ברודער.

און ליכטיקע הייזער פאַר אַלעם געבויט,
און גערטנער פאַר קינדער צו שפּילן;
אַ דזשעטע עראָפּלאַן איז שנעלער פון בויד,
נאָר הונגער מען דאַרף נאָך אַלץ שטילן.

אָ, ווען איך וואָלט געלעבט מיט יאָרן צוריק ...
אויף הונדערט יאָר שפּעטער, אָט איצטער,
איך בוי פון אָדעם אַהערצו אַ בריק
און לערן ביים זיידן געשיכטע.

אָמר ר׳ מענדעלע . . . און עס ליכטיקט אַ וואָרט,
ווי זון אויף פאַרנעפּלטע שויבן,
עס שפּאַנט מוכר ספרים די קליאַטשע צו דער בויד
דאָס לעבן פון פאָלק צו דערהויבן.

און פאַרט איבער שטעט און שטעטלעך אַ ייד,
אַ מחבר פון ביכער און ספרים,
מיט אים פאָרט דאָך שטענדיק מענדעלע מיט,
פאַרזאָרגן דאָס פאָלק וואָס איז אָרעם.

פּרץ, אַך, פּרץ!

1

חכמה אין פינטעלעך פֿאַרבאָרגן . . .
בליציקער געדאַנק . . .
נשמה פֿון מיין פֿאָלק,
צעפּייניקטע, דערהייבענע, געלייטערטע,
פֿאַרביקער, לויכטנדיקער בויגן,
ווי אָדלער מעכטיקער,
מיט פֿליגל ברייט־צעשפּרייטע
אין געפֿלי . . .

העכער, העכער, העכער,
נאָך העכער!

2

פּרץ, אַך, פּרץ!
מיט וויפֿל שיינקייט און נגינה
האָסטו אָנגעפֿילט מיין האַרץ!

עס ציטערט ציטערדיק־פֿאַרבענקט נאָך היינט דער ניגון
פֿון הערצער שטיל־פֿאַרליבטע:
מאָניש אין קלויז
אויף גליק פֿאַרלוירענעם
זיין ווייטיק קלאָגט אויס;
אַ שמעקעדיקע רויז
נאָך באַרירונג לעכצט;
אַ טרעגער מיט הענט מאָזאָליקע,
צאַרט, צאַרט,
זיין חנהלען הייבט אויף —
איבער גרויע, זאָרג־פֿאַרזייטע טעג
ער טראָגט זי,
אַ צעלויכטענער, אַ יונג־פֿאַרליבטער;

אין זיינע שטאַרקע, מוסקולירטע אָרעמס,
צאַרט, צאַרט, הויך, הויך,
טראָגט ער זי, זיין ליבסטע,
זיין איינציק־איינע,
אַזש ביזן כסא הכבוד —
גלייכהייט מאָנען.

אַך, פּרץ, פּרץ!
וויפל טרערן הייסע פאַרגאָסן האָב איך
אויף דאַליע ביטערער פון „דריי נייטאָרינס״!
אויף ברודער, וואָס שלאָגט זיין ברודער, געצאַרנט,
געשוואָרן
אומרעכט קיינמאָל נישט דערלאָזן!
דערשפּירט די גבורה אין נביאישן שרייען:
„מיין נישט לית דין ולית דיין!״

3

... אַ פּאַרכטיקע שטילקייט איבער ערד איז געפאַלן ..
אין מיין צימער האָבן שאָטנס טריבע
געראַנגלט זיך מיט שטראַלן ...
ווענט פון יאָרהונדערטער צענומען,
איבער לענדער, ימען
מיך געטראָגן,
צווישן גרויע, קליינטשיק־קליינע,
ברעקעלעך נשמות,
געפינען די „דריי מתנות״.

יאָרצענדליקער אין יענער שעה פאַרלאָפן,
שטחים, צייטן זיך געטוישט, געביטן,
באַוויזן און פאַרשוואונדן —
אַ קאַלעידאָסקאָפּ פון רשעות און קדושה,
אַן אייביקייט פון צער און בלוטנדיקע וואונדן.

צווישן הימל און ערד,
אַ בענקענדיקע, גאַרנדיקע,

כ׳האָב געשוועבט.
געשווידערט . . .
אין פייער פון יסורים געפלאַקערט און געברענט.
און פון די פלאַמען
פליגל קרעפטיקע, ווי שטאָל, זיך אויסגעשמידט,
מיט זיי צו ערד געווענדט —
מתנות פון „אויסטערלישער שיינקייט״,
ווי פערל לויכטנדיקע,
עקזאָטיש־שמעקנדיקע בשמים,
נישט פון הימל,
נאָר פון ערד באַקומען.
ווי גלאָק־געקלאַנג,
עס האָט אַ קלונג געטאָן אַ ליד:
ריינקייט און קדושה
איבער מענטשן־שענדונג, רשעות,
זיגט!
זיגט!

4

און ווען, אַ קליינינקע,
צווישן די „צווי בערג״ איך בין געשטאַנען,
מיך האָט דאָס קאַלטע, שטרענגע ליכט
פון איין שפּיץ באַרג
אַ צי געטאָן מיט קראַפט.
ווי שאַרפער שטאָל עס האָט אין זון
געמיניעט און געבלענדט,
געלאָקט מיך און געשראָקן.
נאָר דאָ האָט זיך אַ קול אַ וואַרעמס
פון צווייטן באַרג צו מיר דערטראָגן:
וואַרעם, לויטער,
ווי ס׳וואָלט די זון אַליין אים אויסגעטראָגן
און באַשיצט פון אַלעם בייז,
ער האָט געפליסטערט מיר אַ ניגון זיסן,
באַרואיקט מיך, געטרייסט.

דאָס לעבעדיקע וואָרט,
חכמה, וויסן,
מיט רחמים, ליבשאַפט מענטשלעכער
געפאָרט.

דערשראָקן און פאַרגאַפט,
אינצווישן די „צוויי בערג" איך בין געשטאַנען.
צוויי ליכט-פאָנטאַנען
איבער מיר געקרייצט זיך און געפלאָסן.
באַלויכטן אַלע שווערע טעג,
אַלע ראַנגלען און פאַרדראָסן.
געוועקט, געמאָנט, געליבט,
גערופן:
זוך, פאָרש, נעם!
און גיב, גיב, גיב!

5

אַך, פרץ, פרץ!
מיט שנור פון לויטער גינגאָלד
דו האָסט מיט עבר אונדז פאַרבונדן,
קיינמאָל ניט צעריסן אונדז פאַרזאָגט,
ווייטער פאָדעם ציען —
אין לענג, אין טיף, אין ברייט.
אין דורותדיקער קייט
נייע רינגען שמידן —
שטאַרק און שיין און גרויס —
און גיין פאָרויס.
פאָרויס, פאָרויס, פאָרויס!
גיין, גיין, גיין!
„אין ערגעץ נישט גליווערן,
נישט בלייבן שטיין!"

שבת-יום-טוב אינעם גרויען אינדערוואָכן
אונדז אַ שטראַליקן געבראַכט.
אויף צו להכעיס אַלע צרות
„זאָל זיין שבת, זאָל זיין שבת!"

. . . אַט גייען זיי, אַט קומען זיי
די שבת־יום־טובדיקע יידן!
אויף צו להכעיס אַלע שונאים,
אַלע דאגות, אַלע פּיינען,
טאַנצן זיי און זינגען זיי:
„זאָל זיין שבת, זאָל זיין שבת!"

און עס פלאַטערן די גופים,
און עס פלאַקערן נשמות,
און אַ פרייד ווי זונען טויזנט
דרינגט אַדורך מיין האַרץ, נשמה:
אוים מיט קריגן, אוים מיט צרות,
„זאָל זיין שבת, זאָל זיין שבת!"

אַך, פּרץ, אַך, פּרץ!
דיינע גרויסע, ליכטיקע יידן
מען האָט אין געטאָס ענגע, פינצטערע פאַרשפאַרט,
אין לאַגערן געטריבן,
אין גאַזאויוונס געברענט —
נאָר זייער שבת־יום־טובדיקן ניגון
פאַרברענען נישט געקענט.

אַ צעבלוטיקטער,
וואַנדערט ער אַרום דער וועלט
און ברומט
די שונאים אויף צו להכעיס:
„זאָל זיין שבת, זאָל זיין שבת!"

און אין פלאַמיקע, צעשטורעמטע פאַרנאַכטן,
זיי שטייען אויף, די אומגעבראַכטע,
די וועלט צום משפט שטעלן.
פאַר אַלע מיתות, אַלע גרוילן,
וואָס הערן אַלץ נישט אויף —
זיי שטייען אויף.

און וואו נאָר ס׳דריקן געטאָ־ווענט,
וואו נאָר ס׳ווערט אַ מענטש פאַרלענדט,
וואו נאָר ס׳פלאַקערן די פייערן פון קריגן —
קומען זיי
מיט זייער שבת־יום־טובדיקן ניגון.

און ס׳רופט דיין קול
איבער אַלע צייטן, דורות:
געדענק, דו מענטש, געדענק, פאַרשרייב עס:
„געמשפט און אויסגעלייזט מוז ווערן מענטש!"
דעמאָלט וועט זיין שבת.
דעמאָלט וועט זיין שבת.

6

אַך, פרץ, פרץ!
ווידער און ווידער פאַל איך־צו צו דיין קוואַל
און ווער מיט שיינקייט שטראַליקער באַטרונקען.
אַלע בלאַנדזשענדיקע פייער־פונקען
פון מענטש און פאָלק האָסט איינגעזאַמלט
און אין העלן פלאַם צעצונדן.
די שטריק אַרום דעם גייסט
אונדז אויפגעבונדן,
דאָס האַרץ צו וועלט צעעפנט,
היים און פריי עס זאָל די הימלען גרייכן.
עס רעגט דיין אומרו,
דיין פלי פון טיפסטע טיפן
אין די העכסטע הייכן.

איך וויים:
דיין ליכט וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן מיך,
קיינמאָל נישט פאַרראַטן.
אין שווערער שעה, ווי אין טאָג פון פרייד,
איך קום צו דיר
ווי צו אַ רבין,
אַ צויבערער,
אַ טאַטן.

געלעכטער דורך טרערן

אַזויפיל דיכטער האָבן דיך באַזונגען,
אַזויפיל שרייבער האָבן דיך געערט,
און איך זוך אַלץ דעם שליסל צו דעם וואונדער,
דאָס געלעכטער דורך אַ טרער.

דאָס געלעכטער הויך און ברוסטיק,
און די טרער פאַרבאָרגן, שטיל —
דאַכט זיך פריילעך, דאַכט זיך לוסטיק,
נאָר עפּעס וויינט אינמיטן שפּיל.

דורך דעם טרויער שלאָגט געלעכטער,
ווי אַ וואַסערפאַל דורך שטיין —
האָפן אויף אַ וועלט גערעכטער,
מיט בטחון ווייטער גיין!

„וואָס מער קבצן, מער הוליאַקע!"
הוליע קבצן, פאַרגעס די נויט!
„וואָס מער נגיד, מער סאָבאַקע!"
אַ הונט איז דער, וואָס רויבט דיין ברויט!

און עס לאַכט זיך שטאַרק און שוימיק
אַריבער פּיין, אַריבער וויי:
וואָס מיר צרות, ווער מיט שונאים,
מיר׳ן בייקומען אויך זיי!

ביסט אַ לופט־מענטש, מנחם־מענדל,
נאָר ס׳איז ליב דיין אימפּעט, שוואונג!
וועסט נישט לאָזן זיך פאַרשווענקען,
וועסט נישט גליווערן אין זומפּ!

און דו, טביה, מיט די טעכטער,
נעמסט די קלעפּ אָן מאָס און וואָג,
מיט דיין חכמה און געלעכטער
ווערסט דערגרייכן נייעם טאָג!

האָדל דיינע מיט איר ליבסטן
אין די שנייען פון סיביר,
אויף וועגן ווייסע, בלוט־באַשפּריצטע,
קענען צאַרישן ווילקיר.

די כתריליקעס די קליינע
נאַקעט, באָרוועס, שלינג און שלאַנג —
וויפל ליבשאַפט, חן און טרערן
אין דיין שטיפעריש געזאַנג!

און די מאַמע מיטן טעפּל
און די יידענע פון „געננדז״ —
ווי זיי קעמפן פאַרן לעבן
מיט דער צונג, דעם האַרץ, די הענט!

ווי מוראַשקעס יידן האָוועץ
אין דעם ענגן יאָמער־טאָל.
אַך, ווי קאָמיש די האָוואַיעס!
און מיר לאַכן אויפן קול.

נאָר די טרער, זי מאָנט אַלץ רחמים,
פאָדערט יושר, וועקט דעם צאָרן,
און עס ווײנט זיך און עס לאַכט זיך —
דער מענטש אין דיר ווערט ניי־געבאָרן.

עס רייניקט שימל פון פאַרצייטן
דאָס געלעכטער פריש, ספּאָנטאַן,
אין אַ וועלט פון אונדז דערוויטערט,
שפּריצט פּילפּאַרביק, ווי פאָנטאַן.

און דער צויבער שוימט אַריבער
אַלע בייזע, וויסטע טעג —
זע, מיר לעבן אַלע ווידער,
זע, עס ציט פאַרוים דער וועג!

און ווען עס דאַרף דאָס פאָלק אַ טרייסטער,
ווען עס ווערט דאָס לעבן שווער,
עס קומט צו דיר, מיין גרויסער מייסטער,
צו דיין געלעכטער דורך אַ טרער.

דיין לעבנסוועג

(געווידמעט גינאַ מעדעם צו איר 80סטן געבוירנטאָג)

דיין לעבנסוועג —
דורך לענדער, ימען, קאָנטינענטן פירט.
דיין וועלט-באַנעם —
האָט פליגל מוטיקע געשאָנקען דיר,
מיט זיי אַ פלי טאָן איבער צייט.
איז וואו עס האָט נאָר מענטש זיין גאַנג
מיט ליד פון מאָרגן-רויט פאַרקניפּט,
דאָרט איז פאַר דיינע טריט
אָן אָפּשטעל פריידיקער געווען.
דו האָסט געזען,
געזען מיט הארץ און מאַרך און ליבשאַפט שטראַליקער,
מיט אויגן ברייטע, אָפענע צו נייקייטן געווענדט.
דו האָסט געזען דעם נייעם מענטש,
וואָס האָט מיט זיינע האַרעפּאַשנע הענט
דעם יאָך אוראַלטן
אין קאַמף צעצונדענעם צעבראָכן.
געהערט, ווי קינדער זינגען, לאַכן
אויף צוקונפט-שליאַכן.
אין בירא-בידזשאַן,
עס האָט אַ ייד אַ פּשוטער פון פאָלק
דיך אָנגעפילט מיט פרייד און שטאָלץ.
און אין דעם העראָאיזם און מאַטער פון מאַדריד
דו האָסט דערשפּירט דעם גרויל פון שחיטות,
דעם ערב-חורבן פון דער וועלט און ייד.

אין אַלע לענדער, אַלע שטעט, וואו נאָר דו ביסט געקומען,
מען האָט דיך, ווי אַ גאַסט אַ ליבן, האַרציק אויפגענומען.
אויף אַלע דיינע זוכנדיקע, ווייט־צעשפּרייטע וועגן,
עס האָט דאָס פאָלק דיך ווי אַן אייגענע באַגעגנט,
צום האַרץ געדריקט,
מיט דיין געשמאַקן, קוועלנדיקן יידיש־לשון
זיך געקוויקט,
דיין בילדלעך, דורכגעלויכטן וואָרט,
ווי ווין באַרוישנדיקן געטרונקען.
און ס'איז געווען, ווי אַ וואונדער־ליד
וואָלט מיטאַמאָל
אין הערצער טויזנטער צעקלונגען.

און איצט —
אַן אָפּשטעל קורצער אויף דיין לעבנסוועג,
אַ **סטאַנציע** — פול מיט פרייד, זכרונות, און ניגונים.
צו דיין געבוירנטאָג מיר זיינען היינט געקומען
מיט ליבשאַפט דיך באַגריסן.
ביסט איינאונאיינציק ווי שליח
פון אונדזער צייט, אונדזער שטרעבונג און געוויסן.
האָסט גרעניצן באַצוואונגען,
יאָרהונדערטער פון גרויסע מענטשן־טרוימען
געזען פאַרוואַנדלען אין אַ קעמפערישער וואָר.
געזען, באַזיגט, באַזונגען.
ווינטשן מיר דיר לאַנגע, פריידנפולע יאָר!
לאַנג נאָך זאָל דיין גלויביק, פלאַמיק וואָרט
אין וועלט אַן אויסגעלייזטער,
קלינגען, קלינגען, קלינגען!

דאָס אַלטע און דאָס נייע

1

דאָס אַלטע און דאָס נייע
טרעפֿן זיך אין מיר,
ווי אַן אַלטער ניגון
אין אַ נייעם ליד.

איך שפּרייז אַדורך מיין זיידנס טיר
און הער דעם ניגון פֿון פֿאַרצייטן.
זיס און טרויעריק און שטאַרק,
פֿון הינטער דורותדיקן באַרג,
אויף וואָלקנס נאַכטיקע
ער קומט צו רייטן,
דורך יאָרן ווייטע, שווערע יאָכן,
אין מיין חלום אויפֿצוטוליכן
מיט גלויבן און בטחון.

2

איין זיידע מיינער איז געווען אַ חסיד,
דער צווייטער — אַ מתנגד.
הויזן אין מיין האַרץ זיי ביידע,
מיינע גלייביק-קריגערישע זיידעס.

מיין הייסע, חסידישע התלהבות
חברט זיך מיט קילן שכל.
אַריבער מיינע לעבנס-שוועלן,
שפּאַנט פֿאַרשטאַנד
האַנט-אין-האַנט
מיט חלום העלן.

3

מיין חסידישע התפעלות וואָלט מיך ווייט פאַרפירן,
ווען ניט דאָס גראַדע וואָרט פון מיין זיידן, דעם מתנגד.
איז אָפט,
ווען כ'האַלט אין וואָגן,
און שפּרייט די פליגל מיינע צו די העכסטע הייכן,
בלייב איך הענגען אין דער לופט,
ווי פויגל שטורמישער,

אינמיטן פלי פאַרפרוירן.
כ'דערזע די שווערע שלעסער אויף די מויערן,
דאָס בלוט וואָס נערט דעם בוים פון גרייכן,
די פעסטונגען פון בייז אויף אַלע פראָנטן.
נאָר דאָ גיט ס'האַרץ מיט קראַפט אַ רים
אַנטקעגן אַלץ וואָס בייז און מיאוס,
אַנטקעגן בלוט־פאַרגיסונג, מאָרדן!
פלי איך ווידער,

פלי מיט לידער
אַריבער אַלע אַלטע, זשאַווערדיקע טויערן
צו נייע, בלויע האָריזאָנטן.
אָ, דעמאָלט פלאַקערט אויף אַ קאַמף
צווישן מיינע זיידעס:
איך ראַנגל זיך מיט האַרבער וואָר
און הער די שטערן ריידן.

דאָס אַלטע
און דאָס נייע
האָבן זיך באַהעפט אין מיר
אין אַ לויכטנדיקן ניגון.
איך וועל נאָך מיט דעם נייעם,
דורותדיקן ליד,
מיינע אייניקלעך פאַרוויגן.

באַווייז זיך, דו יורש פון יידישן וואָרט!

באַווייז זיך, דו יורש פון יידישן וואָרט!
ס׳איז צייט שוין דערהערן דיין שטימע!
איך זוך דיך, דו צווייגלינג אויף בוים פון מיין דור,
וואו ביסטו? ווען וועסטו שוין קומען?

די גאַנצע עשירות וואָס איך דאָ פאַרמאָג,
די לידער, די ליכטיקע טרוימען,
פון פרייהייט און יושר די מאָס און די וואָג,
פון אבות דעם פיין און די קרוינען —

איך האָב דאָך פאַר דיר פאַרהיט זיי מיט מי,
פאַר דיר און פאַר דיינע קינדס-קינדער,
שטאָלץ זאָלט איר זינגען דאָס יידישע ליד,
דעם עבר מיט מאָרגן פאַרבינדן.

דאָס יידישע ליד וואָס קוועלט פון דעם פאָלק,
זיין חכמה, זיין ליבשאַפט, זיין שאַפן,
עס פינקלט ווי דימענט, איז טייערער פון גאָלד
אויף וועגן פון וואַנדער און קאַמפן.

עס וויטיקט און זינגט פון אַלץ וואָס געשען
ביים ווייסל, ביים דניעפּער און וואָלגע,
אין אים רוישט דער ירדן, דער האָדסאָן, די סען,
מיט טענער פון נעכטן און מאָרגן.

געלעכטער און טרערן, ליבע און פיין
פון דורות אין גייסטיקייט רייכע,
גייט-אויף אַ געזאַנג פול מיט שיינקייט און חן,
באַטעמט, ווי דער מאַמעס אַ מאכל.

עס קלינגט אַפּ געשריי פון באַוואָלהטן מענטש
אין לידער פון אַלערליי צייטן —
איך טראָג זיי צו דיר מיט מאַמעשע הענט,
דו זאָלסט זיי אויף פרעמדס ניט פאַרבייטן.

איך טראָג אויך צו דיר די בענקשאַפט נאָך פריד,
וואָס בליט ווי אַ בלום אויף די קברים,
דו זאָלסט אין דיין יונגן יידישן ליד
מלחמות און חורבן פאַרשפּאָרן.

אַזויפיל עשירות איך האָב פאַר דיר דאָך,
פון גאולה דעם אייביקן חלום:
באַפרייען דעם מענטש פון אוממענטשלעכן יאָך,
געווינען אויף אייביק דעם שלום!

און גלויבן האָב איך אין דעם פּשוטן מענטש,
וואָס וועט דאָך די רשעות באַזיגן —
דאָס איז די ירושה, דער המשך וואָס כ׳בענטש,
וואָס דו זאָלסט אויף וויטער אים קריגן.

און שמידן דיין רינג אין דער גאָלדענער קייט
פון יידיש געזאַנג און נגינה.
וואו ביסטו מיין יורש? ווי נאָענט? ווי וויט?
שוין צייט... לאָז הערן דיין שטימע!

מיין לאַנד

איך זינג דאָס ליד...

איך זינג דאָס ליד פון מאַן און פרוי,
שוואַרץ און ווייס, געל און ברוין.
דאָס בלוט ביי אַלעמען איז רויט,
פאַר אַלעם גלייך: געבורט און טויט.

אין יעדנס האַרץ עס בליט אַ טרוים,
פאַרבאָרגן, שטיל — מען זעט אים קוים.
און יעדער מענטש, צי גרויס, צי קליין,
איז ניט אַ העלד פאַר זיך אַליין.

אין נויט, אין קריג ווערט מענטש צעדריקט,
איז זינג איך ליבשאַפט, בוי איך בריק.
און ווען די רשעות ווייסט קיין ברעג,
באַזיגן זי איך רוף און וועק.

איך זינג דאָס ליד פון מאַן און פרוי.
געל און שוואַרץ, ווייס און ברוין.

אייבערהעם לינקאָלן

(דאָס ליד האָט געוואונען דעם ערשטן פּריז אין דעם לינקאָלן־קאָנקורס פון יידישן מוזיק־פאַרבאַנד).

מוזיק פון: א. מאַלאַמוט
און פון בען יאַמען.

אייבערהעם לינקאָלן,
האַרציקער פאָטער,
ערלעכער אייב.
דו לעבסט אין די הערצער
פון אַלערליי ראַסן —
אַלע פאַרפאַלגטע
דיר זינגען אַ ליוב.

דיין פּשטות, דיין חכמה
איז פריש ווי דער פרילינג
און גרין ווי דער וואַלד
וואָס האָט דיך גענערט.
ווי ליכטיק און לויטער
דיין קול דורך די דורות!
דיין וואָרט איז אַ פאַקל
וואָס לייכט אויף דער ערד.

זון פון אַמעריקע,
פירער געטרייער
„פון פאָלק, פאַרן פאָלק".
דו שפּאַנסט אין די רייען
פון פעלקער פאַרשקלאַפטע —
דיין אמת איז ריינער
און שטאַרקער פון גאָלד.

דער קאַמף פאַר באַפרייאונג
איז נאָך נישט פאַרענדיקט,
ער טראָגט זיך און פלאַקערט
אין טראָט און געזאַנג.
אייבערהעם לינקאָלן,
דו לעבסט אין אונדז שטענדיק,
אָ, פיר אונדז צו שלום,
צו פרייהייט אין לאַנד!

אַ פאָלק איז אויפגעשטאַנען

אַ פאָלק איז אויפגעשטאַנען —
גרויס און קליין, אַלט און יונג,
מאַן און פרוי און קינד.

אַ פאָלק מיט זון אין גלידער.
מיט לידער
אויסגעוואָרעמט
אין טעג פון מי און יאָך,
אין גרויל פון ברענענדיקע צלמים,
אין לינטש און תפיסה נעכט.

אַ פאָלק איז אויפגעשטאַנען —
זינגענדיק און טאַנצנדיק,
פאַלנדיק און שפאַנענדיק,
זיי מאָנען זייער רעכט.

גרויס און קליין, אַלט און יונג,
זיי קומען,
אָ, זיי קומען!
גומי-רערן-שטראָמען,
הינט צערייצטע,
שטעקנס, תפיסות,
קאָנען ניט פאַרצאַמען
אַ פאָלק וואָס האַלט אין שפאַנען
מיט קראַפט און גלויבן,
מוט און שוואונג!

דורך טעג צעפלאַמטע,
דורך דזשאָנגל פון געפעכט,
זינגענדיק און טאַנצנדיק,
פאַלנדיק און שפאַנענדיק,
זיי קומען,
יאָ, זיי קומען
מאָנען זייער רעכט!

פיר קינדער גייען אין שול

פיר קינדער, מיידעלעך פיר
אין שול אריין גייען.

די צעפּעלעך פאַרפלאָכטן.
די קליידעלעך געפּרעסט.
די הערצעלעך פאַרקלעמט.

אַ המון רעוועט.
אַ ווילדער המון רייסט זיך פאָרויס.
די מיילער אויפגעריסן.
די אויגן צעפלאַמט.
די פויסטן פאַרהויבן.

אוהו! אוהו! וואָיען די מיילער.
אוהו! אוהו! דראָען די הענט.

פיר טונקעלע קינדער.
אַ וויסטער המון.
פּאָליציי. באַריקאַדעס.

קולות רעוועןְ.
שטעקנס פאָכען.
שנאה פלאַמט.
אוהו! אוהו! אוהו!

פיר פּאָר פּיסלעך קלעטערן אויף טרעפּ.
פיר זעקסיאָריקע
מיט הערצעלעך פּאַרקלעמט.

איבער זיי:
אַ העלע זון,
אַ הימל ווי אַ טייך,
אַ שאַל:
אַלע מענטשן זיינען גלייך!

ליפּלעך שווייגן.
אייגלעך — גרוים.
פיר פּאָר פּיסלעך קלאַפּן אוים:
די שאַנד פונעם לאַנד
מיר צעטרעטן!

מיר צעטרעטן!

עס פֿאָרט אַ באַס

1

עס פֿאָרט אַ באַס.
דורך יאָרן פּיין און דורות מוט —
זיין מאַרשרוט.

עס פֿאָרט אַ באַס אין דרום-שטאַטן,
צוריק דערוווערבן
וואָס פֿאַרראַטן.

ער קרייצט אַדורך די נעכט און טעג
פֿון שאַנד און מאָרד,
צום פֿרייהייט-וועג.

ווי ווייט נאָך, ווייט, דער וועג אַהין,
איר שוואַרצע, ווייסע
פֿרייהייט-זין?

עס ציט דער שליאַך, אומבאַשיצט,
אין שרעק געהילט,
מיט בלוט באַשפּריצט . . .

2

רעדער רעדלעך, פֿעלדער יאָגן,
יונגע, הייסע
הערצער שלאָגן.

געזאַנג פֿאַרהילכט די דרום-ערד,
ליד פֿון פֿרייהייט,
מענטשן-ווערט.

ליד פון שקלאַפן אין מצרים:
„לאָז מיין פאָלק
צו לעבן פרייען!"

אַ שויבן-בראַזג שניידט דורך די לופט,
אַ פויסט, אַ פלעם,
אַ ווילדער רוף.

עס האַגלען קלעפ, עס הילכט אַ שאָס.
פייער-צונגען
ברענען באַס.

תפיסה-טרערן, דורות פיין,
פרייהייט-פאָרער
שלינגען איין.

3

צי קאָן מען פרייהייט דען פאַרשפאַרן?
זי וואַקסט
וואו גרעסער די געפאַרן.

זי בליט וואו אומרעכט בויט אַ הויז —
דורך שפאַרונעס
זי דרינגט אַרויס.

און רופט אויפסניי צום קאַמף-געוועט —
די גרויסע וועלט
שטוינט און זעט:

עס פאָרט דער באַס, ער פאָרט אויפסניי,
דער פרייהייט-וועג
ניט ווייט, ניט ווייט.

מיסיסיפּי

מיסיסיפּי,
דו ביסט פֿאַר מיר אַן אָפֿענע, אַ ברענענדיקע וואונד
פֿון ווייטיק, שאַנד.
ווי וואַגסטו עס, ווי וואַגסטו עס
אַזוי פֿאַרשעמען אונדזער לאַנד?

איך האָב נאָך ניט פֿאַרגעסן מאָרד
פֿון **עמעט טיל,**
איך האָב נאָך ניט פֿאַרגעסן זיינע מערדער
אויף דער פֿריי,
און איצט —
אויפּסניי?!

איך קוק און שטוין:
עס שטייט אַ מאַן,
דער העכסטער פֿירער פֿון דיין שטאַט,
און רעדט אין נאָמען פֿון געזעץ און גאָט.
העפֿלעך, שמייכלענדיק,
ווי צבועק, געמיין,
זאָגט ער:
ניין!

און אין דרויסן דער המון . . .

אָ, יוגנט מיינע דאָרשטיקע,
וואָס האָט געלעכצט נאָך קוואַל פֿון וויסן,
אוניווערסיטעט-סטודענט ווי מענטש געהויבענעם
באַטראַכט —
ווי ווערסטו דאָ פֿאַרשפּיגן, אויסגעלאַכט!

עס רעוועט דער המון . . .
מאָרד אין האַרץ און בלוט אויף הענט.
און הונדערט יאָר — אַ רגע בלויז,
און לינקאָלן — טויט . . . שגעון ברענט . . .

און ווידער, ווידער אַן אַרמיי
מיט קראַפּט פאַרווישן שאַנד און וויי.
צי קאָן מען דאָס ? צי וועט מען דאָס ?
הפקרות, רעש, בלוט, כּאַאָס . . .

. . . עס רעוועט דער המון . . .
טרערן־גאַז און שפּליטער־גלאָז,
שאָסן, פייער־פלאַמען.
גאָר זעץ נאָך זעץ, די צייט, ווי האַק,
האַקט אונטער פוילנדיקע שטאַמען.

און מיטאַמאָל —
אַ, זע, „אָל מיס״ ! ●) —
די ווענט אין קלעם געפאַנגען,
טרייסלען זיך, עפענען זיך,
ווי זשאַווערדיקע צוואַנגען.

און מערעדיט,
געלאַסן, שטיל,
שפּאַנט פאָרויס,
פאָרויס צום ציל.

●) אוניווערזיטעט אין מיסיסיפּי.

די באַלאַדע פון וויליאַם ל. מור

(דערשאָסן לעבן גאַדסדען, אַלאַבאַמאַ)

ער שפּאַנט אַ הייטערער אויף האַרטע וועגן,
אויף שליאַכן איינזאַמע פון בריטן לאַנד,
און ווער עס קומט אים נאָר אַנטקעגן,
ער רעדט צו אים און דריקט זיין האַנט.

דער ווינט די בלאָנדע האָר צעשויבערט,
הויך און מאָגער וויגט זיך זיין געשטאַלט.
צופוס פון טשאַטאַנוגאַ קיין דזשעקסאָן, מיסיסיפּי,
וועקן הערצער טויבע, וואו עס הערשט געוואַלט.

„אַ גוט מאָרגן! וואָס פאַרקויפט איר?"
„אינטעגראַציע, ראַסן-גלייכהייט".
„היט זיך! לאָזט צוריק זיך לויפן!"
„דער גאַנג פאָרויס קיינמאָל לייכט איז".

די פיס זיי בלוטיקן פון לאַנגן וואַנדער,
פּלאַקאַטן צוויי אויף אַקסלען שווערן לאַנגן גאַנג.
אינדערהיים געלאָזן ווייב און קינדער,
נאָר אין האַרץ אַ גלויביק, מאָרגנדיק געזאַנג:

„ווייסער, ברוינער, שוואַרצער מענטש,
פאַרבנרייך ווי בלום אויף פעלד.
שטאָלץ און גלייך, פאָרויס געווענדט,
שאַפט אַ וואונדער-נייע וועלט".

ער שפּאַנט. דער טאָג האַלט-איין דעם אָטעם.
ווער מיט ברכות, ווער מיט קללות אים באַגלייט.
די בלויע אויגן שמייכלען די שונאים אויף צולהכעיס —
„מען וועט דיך הרגענען", וואָרנט אים אַ פריינט.

ווי קאָן מען דען פאַר ליבשאַפט צו אַ ברודער, טויטן?
צי קומט דען ניט איעדן מענטש גליק און פרייד און רו?
עס וויגט זיך זיין געשטאַלט אויף וועג געפּאַרבט אין רויטן,
ראַשיק זינקט די זון, ווי אין אַ טייך פון בלוט.

צי האָט ער דען געהערט ווען מערדער איז געקומען?
צי האָט ער פון זיין ווייב און קינד, פון זיין לאַנד געטראַכט?
אַ דונער פון אַ קול און בלוט אַ גאַס אויף גומען,
און ס'פאַלט ווילאַם מור אויף נאַכטיק-קאַלטן שליאַך.

פיליבוסטער

זיי ריידן.
די דזשענטללייט פון דרום,
די איידעלע, ווייסע,
פיליבוסטערן אין סענאַט.

הייזעריקע שטימען,
אָפּגעריבענע רייד.
ווערטער, ווי ליידיקע קאַנען
אויף וועגן פון מיסט,
קלאַפּן מיט זשאַווערדיקן בלעך.

זיי ריידן.
מיט האַנט אויף דער ברוסט,
מיט אויגן געגלאָצטע
צו פאָן פון די בראַווע און פרייע,
זיי ריידן
און ריידן.

פראַזן גרילצן,
ווי רעדער אָפּגענוצטע
אויף צעבראָכענעם ברוק.
טרייסלען זיך,
שלעפּן זיך,
ווי אַלטע פערד,
אינמיט פון אַ שווינדלדיקן אויטאָ־געיעג —
האַלטן אָפּ פאַרקער.

דער זאַל איז קיל און געראַם.
די דזשענטללייט פון דרום
ציען ווערטער
נודנע־לאַנג.
הינטער העמדער ווייסע,
הינטער ווייכע זשעסטן —
פויסט פון באַצווינגער,
שרעק פון פאַרגאַנג.

א קלאַנג
פון דרויסנדיקע מאַרשן,
א געזשום
פון ראַקעט־פּאַרמעסטן,
פון שטערן און לבנה־פּלי,
דרינגט אַדורך די ווענט.
עס זשמורען אויגן,
עס ביילן זיך הענט.
ניין! — שאָקלען קעפּ.
ניין!

טויב און בלינד,
זיי ריידן און ריידן.
דער ריח פון בלוט,
פון שוויים און טרערן
נעמט וואָרגן און שטיקן.
א נעגעריש קינד,
צעבלוטיקט, צעריסן,
באַווייזט זיך אויפן דיל.
קולות,
א בילעריי פון הינט,
וואַסער־שטראָמען, ביקסן־שאָסן
הילכן־אָפּ אין לופט־געקילטן זאַל . . .

ס׳גייט אויף
א טופּעריי פון פים,
א פּליעסקעריי פון הענט.
א התלהבותדיק געזאַנג:
We shall overcome !
We shall overcome !

— — — — — — — — — — — — — — —

דער זאַל איז פּוסט און געראַם.
א זייגער שלאָגט.
די צייט יאָגט,
ווי א באַליידיקט האַרץ אין צאָרנדיקן ברויז.
א האַנט פאַרצייכנט אין געשיכטע־בלאַט:
„די דזשענטלליים פון דרום
האָבן פיליבוסטערט אין סענאַט״.

שרעק...

„מיר האָבן מורא", זאָגן נעגער אין מיסיסיפּי.

„וואָס שרעקסטו זיך, ברודער?
וואָס שרעקסטו זיך, שוועסטער?"
איך פרעג, כאָטש איך ווייס דאָך
פון לאַנג שוין דעם ענטפער:

„זיי קוילען און צינדן,
זיי שיסן און שלאָגן,
זיי רייסן־אויף קינדער,
זיי מאַטערן, פּלאָגן".

איך שטיי אַ פאַרשעמטע
און פרואוו עפעס זאָגן,
כ'גיי־צו עטוואָס נעענטער,
דערקענען, דעריאָגן
די יאָרן פון פרעמדקייט,
די יאָרן פון שנאה,
וואָס האָבן דורך מורא
דעם ראַנגל געוואונען.
מיט פּחד געדריקט זיי,
מיט פּחד געשמיסן,
געזויגן ווי שפּינען,
דעם מאַרך און דעם וויסן.

איך גיי צו אַלץ נעענטער
און קוק אין די אויגן
פאַרצויגן מיט נעפּל,
מיט פּחד פאַרצויגן.
און כ'שטרעק אויס מיין האַנט
די מענטשלעכע, טרייע,
און כ'זאָג: „כ'וועל העלפן
פון שרעק דיך באַפרייען".

און ס׳שמייכלען די אויגן
מיט נייעם געפינקל,
ס׳ווערט ליכטיק און וואַרעם
אין טונקעלן ווינקל.
און כ׳שפּאַן אַזוי מוטיק
מיט ברידער און שוועסטער,
פאַרטרייבן אויף אייביק
די פּחד־געשפּענסטער!

אָרעמשאַפּט

צי האָסטו געזען ווען דאָס פּנים פון נויט ?
עס פיבערט באַהאַלטן אין שמאַטעס און קויט.
עס גרימט ווי דער הונגער אין וועלפיש געוואָי —
דאָס פּנים פון הונגער איז טונקל און גרוי.

דו גיי איבער גאַסן פאַרוואָרלאָזט און ענג
און זע ווי באַליידיקט עס ווערט דער מין מענטש.
די קינדער זיך שפּילן אין בערגלעך פון מיסט,
די זון, ווי אַ מאַמע, דאָ קיינעם באַגריסט.

פון הייזער פון קראַנקע עס שיילט זיך די הויט,
עס טראָגט זיך געשטאַנק פון צעפוילונג און טויט.
צעפרעסן פון ווערים, צעביסן פון מייז,
די פענצטער, ווי בעלמעס אויף יעדערער הויז.

דאָך קוק אין די אויגן אויף פּנים פון נויט,
דערזע דאָרט דעם פייער, דעם פלאַם, וואָס איז גרייט
מיט צאָרן צעוואַרפן די געטאָס, די שאַנד,
אַרוים אויף די גאַסן די ברייטע פון לאַנד.

אַרוים פון די לעכער, פון חושך אַרום
און מאָנען דאָס ליכט, וואָס יעדערן קומט,
און שטאָלצע און פרייע, ווי בירגער פון לאַנד,
זיך זעצן ביים טיש מיט אַלעם בייגאַנד.

ברודערשאַפֿט

יאָר־איין, יאָר־אויס, פֿון ברודערשאַפֿט מען פּלאַפּלט.
די רייד פֿון מענטשן־ליבע און פֿון גלייכהייט,
ווי זיסער האָניק פֿליסן;
נאָר אויף דעם לייטער פֿון דערגרייכונג,
מען שטייט נאָך אַלץ אויף ערשטן שטאַפּל,
און ווידער שטראָמען שיינע רייד,
פֿאַרפּוצט מיט מליצה.

פֿון רייד צו טאָט — ווי ווייט איז דער מהלך!
דער איבל וואָס געירשנט,
יערט און וואַקסט און וואַקסט!
און דאָך, ווען האַרץ, ניט ליפּ וואָלט דאָ געדרשנט,
איך וואָלט דערשפּירט דעם מענטש, די וועלט,
מיט מיין געפֿיל אין טאַקט.

איך וואָלט געזען די טויערן צעפּראַלן
פֿון געטאָס פֿינצטערע,
אין נויט און האָפֿענונגלאָזיקייט פֿאַרלאָרן;
און ס׳וואָלט אַ פֿלייץ געטאָן
אַ הייסער, ברידערלעכער שטראָם
און אָפּגעשווענקט דאָס בייז פֿון יאָרן —
עס וואָלטן רייד געוואָרן מעשים,
ווען האַרץ, ניט ליפּ, וואָלט דאָ געדרשנט...

יאָר־איין, יאָר־אויס, פֿון ברודערשאַפֿט מען פּלאַפּלט,
נאָר אויפֿן לייטער פֿון דערגרייכונג,
מען שטייט נאָך אַלץ אויפֿן ערשטן שטאַפּל.

מאָרד פון פרעזידענט קענעדי

ניט אַ קויל האָט דיך דערהרגעט,
נאָר דער האַס.
די משוגעת,
וואָס איז אין בלוט-שטראָם פון מיין לאַנד,
ווי סם אריינגעפלאָסן;
זיך צעגאָסן
און צעשפּרייט
אין לענג און ברייט,
אָן אָפּהאַלט, אָן אַ צאַם.

וויי, וויי, ווען אַ ים
ווערט פאַראומריינט און פאַרסמט!
ווען אַ פלאַם
פלאַקערט-אויף
ניט צו וואַרעמען, דערפרייען,
נאָר די תבואה און דעם זייער
צו פאַרניכטן!

דורכן טשאַד און רויך געדיכטן
הילכט-אָפּ אַ שאָס
און צוויי
און דריי...

וויי, אַ, וויי!
געטראָפן!
אַ, געטראָפן
אין דעם ציל!

פינצטער, פינצטער ווערט די שעה...
כמאַרעס שלינגען הימל-בלאָ,
הערצער קאָרטשען זיך אין שרעק:
וועט די ווילדקייט דען אַוועק?

וועט דער האַס דען ניט צעשטערן
אַלץ וואָס לעבט,
אַלץ וואָס ליבט,
פרייהייט, פרידן,
מענטשנס חלום פון די דורות?

טרערן, טרערן,
טרויער־טרערן
פליסן
איבער ריסן אין די הערצער.
אָ, דו בראַווער, יונגער אָדלער!
אַ ווילדע קויל
אינמיטן פלי
האָט דיך פאַרשניטן!

אַ פייל פון האַס,
פון משוגעת,
פאַרגאָסן האָט דיין בלוט!

אין אַן ארון ליגסט פאַרמאַכטן,
פאַרדעקט מיט פאָן פון שטרייפן, שטערן,
צו אַ קבר דיך באַהאַלטן
פירט דער וועג דורך שווייגן, טרערן...

...און די טרערן רינען, רינען,
איבער גאַסן, איבער לאַנען,
ביז זיי שטראָמען שוין אין טייכן
און פון טייכן אין די ימען...

וועט די ריינקייט פון די טרערן,
ווי דער טוי אויף פלאַנץ פון מדבר,
אָנטרינקען די ערד פאַרוויסטע
פון די לינטשער און פאַרדאַרבער?

וועט די הייליקייט פון טרויער,
ווי קרישטאָל אין אויג צעפינקלט,
בלוט־שטראָם רייניקן פון סמען,
ברודער־ליד אין האַרץ צעקלינגען ?

אָ, דו יונגער, בראַווער אָדלער !
וועט דיין טויט, דיין בלוט פאַרגאָסנס
ניט אַ טרייסל טאָן געווימן,
ניט צעשמעטערן דעם גלייכגילט
פון די טעמפּע און די זאַטע ?

וועט דיין טויט, דיין בלוט פאַרגאָסנס,
זיין אומזיסט ?
אָן זין, אָן מאָנונג,
אָן אַ חשבון,
אָן אַ צאָלונג ?

וועט דער אָפּהילך פון די שאָסן,
ווי אַ ווינט אין פעלד פאַרשווינדן,
ניט פאַרבינדן,
ניט דערמאָנען,
אָן די שונאים
פונעם לעבן ?

וועט די שעה דען ניט דערמאָנען
קרבנות הייליקע מיליאָנען
פון קרעמאַטאָריעס און ווילקיר ?
מאַרטירער־טויט פון אייברעהעם לינקאָלן,
הונדערט יאָר פון פּיין און קאַמפּן,
אומגעבראַכטע קינדער פיר ?

אָ, דו יונגער, בראַווער אָדלער !
וועט דיין טויט,
דיין בלוט פאַרגאָסנס,
זיין אומזיסט ? !

פרויען מאַרשירן . . .

פרויען מאַרשירן,
מאַרשירן פאַר שלום.

קינדערלעך אויף די הענט,
קינדערלעך אין וועגעלעך,
קינדערלעך ביים זייט.

„מאַמע, וואוהין גייען מיר?"

„צום ווייסן הויז גייען מיר,
צום פרעזידענט גייען מיר,
אייער לעבן פאַרהיטן,
אייער לעבן פאַרזיכערן,
אייער לעבן באַשיצן".

„וואָס איז מלחמה?"

„מלחמה איז אומקום,
מלחמה איז פאַרוויסטונג,
מלחמה איז סם".

„שלום וואָס איז?"

„שלום איז געזאַנג,
שלום איז שפּיל,
שלום איז זאָלסט אויפוואַקסן
געזונט און גלייך,
שטאָלץ און פריי,
זאָלסט פריידיק שפּאַנען
אין גאַנצע שיך".

ווידער דונערן האַרמאַטן . . .

ווידער דונערן האַרמאַטן,
ווידער צינדן באַמבעס ערד —
מענטש האָט ברודער זיין פאַרראַטן,
ברעכט און הרגעט און צעשטערט
און צעשיקט פאַרפוצטע ווערטער, —
שלום, פרייהייט זוכט ער נאָר,
ער וועט שענדן, שלאָגן וועט ער,
ביז די פרייהייט וועט זיין וואָר . . .

ווידער וויינען מאַמעס, קינדער,
ווידער פלאַקערט פייער־פלאַם —
אָ, ביז וואַנען וועלן צינדער,
טרעגער פון פאַרזיסטן סם,
טויטן לעבנס גרינעם שפּראָץ,
זין און טעכטער, טאַטעס, מאַמעס,
און דערביי דערמאָנען גאָט?

ווידער שטאַרבן הייסע טרוימען,
ווידער דאַרן בוים און בלום —
אין דער צייט פון פלי אין רוימען,
גיסט זיך, גיסט זיך מענטשלעך בלוט.
און די הימלען שפּייען פייער,
אין קאָנוואולסיעס וואַרפט זיך ערד,
אַלץ וואָס ליב און אַלץ וואָס טייער,
אַלץ וואָס זיס — ביטער ווערט.

ווידער וואַקסן קבֿרים־גריבער,
ווידער לאַכט מלחמה־שד —
אָ, ווי לאַנג נאָך וועלן ברידער,
ניט דערקענען: שעה איז שפּעט!
און עס רוקט זיך נעענטער, נעענטער
אַטאָם־אומקום, גרויל־געשפּענסט,
וויפל פּיינען, וויפל שווידער,
מענטש זאָל מער ניט קוילען מענטש?

ווידער שיפּעט שלאַנג פון שקר,
ווידער הילכט סאָלדאַטסקער טראָט —
נאָר נאָך העכער און נאָך ברייטער
טראָגט זיך איבער פעלד און שטאָט,
איבער לענדער, איבער ימען,
אַ געברום: גענוג! גענוג!
לעשן, לעשן ווילדע פלאַמען,
בויען, בויען פרידן־בריק!

די יינגלעך און מיידלעך . . .

די יינגלעך און מיידלעך געשלאָסן אין רייען,
פאַר גליקלעכקייט און גליק — מיין האַרץ צו דערפרייען . . .
זיי שפּאַנען מיט ווירדע און זינגען געזאַנגען —
עס ציטערט די פּרוכט אין לעבנס-געראַנגלען . . .

ערשט נעכטן מיט שפּילצייג פאַרנומען, ווי קינדער,
זיי טראָגן פּלאַקאַטן צעפּלאַטערט אַצינדער.
ערשט נעכטן געשטיפט, אָן שרעק און אָן זאָרגן,
און היינט שוין די טרעגער פון ליכטיקן מאָרגן.

די פרישקייט פון פרילינג אין בויגיקע גלידער,
זיי שפּאַנען געהייליקט, ווי שוועסטער און ברידער.
פון שול-באַנק אויף וועגן געוואָגטע, גערעכטע,
צו ווערן פון אמת און יושר די וועכטער.

די יינגלעך און מיידלעך מיט ליכטיקע אויגן,
זיי וועלן קיין אומרעכט, קיין עוולות פאַרשוויגן.
דערשפּירט די אחריות פאַר אַלעם ווי איינעם,
זיי שפּאַנען אַנטשלאָסן, די שיינע, די ריינע.

און ס׳קאָן זיי קיין שטראָף, קיין קראַפט ניט פאַרהאַלטן,
זיי טראָגן דעם אמת אַנטקעגן געוואַלדטאַט.
זיי טראָגן ירושה פון קעמפערישע דורות,
צו צוקונפט געטרוימטער זיי עפענען טויערן.

עס וויגן זיך, רופן די שטרענגע פּלאַקאַטן:
„פאַרשווינדן זאָל שנאה אין אונדזערע שטאָטן!
מיר זיינען דער דור פון פליענדע ריזן,
איז אויס מיט מלחמה! פאַר לעבן און פרידן!"

מען שלעפּט זיי אין טורמעס, מען שלאָגט און מען מאַטערט,
זיי ליידן שוין פיין, ווי די מאַמעס, די טאַטעס . . .
און רייפער און הייסער עס גליט זייער צאָרן,
די יינגלעך און מיידלעך — די טרעגער פון מאָרגן.

אַ מאַמע אין וויעטנאַם

אויפֿן אַש פֿון אַן אָפּגעברענטער שטוב,
זיצט אַ מאַמע, וויינט און קלאָגט.
אומגעבראַכט איר מאַן, איר זון,
ס'קינד דאָס קלענסטע איר דערהרגעט היינט פֿאַרטאָג.

זיצט זי, דריקט דאָס קאַלטע גופֿל צו איר ברוסט.
פֿאַרשרפֿהט וואו אַ בוים, אַ פֿלאַנץ, אַ קוסט.
אויפֿגעריסן ס'פֿעלד, צעשטערט איר וועלט,
דעם הימל העלן מיט פֿלאַם און רויך פֿאַרשטעלט.

און דערנעבן גראָבן זקנים קברים־גריבער . . .
זיבן זקנים בלויז אין דאָרף פֿאַרבליבן.
אַוועק דאָס יונגוואַרג קיינער זאָל ניט וויסן,
צו די וויעט־קאָנג מיט ביקסן אויף צום שיסן.

איז וואו־זשע זאָל זי גיין, וואוהין זיך קערן ?
אַז טרוקן שוין דער קוואַל פֿון אירע טרערן.
איר האַרץ וועט ווערן דאָ אַ שטיין
אינצווישן חורבות איין־אַליין.

סיידן נעמען אויך אַ ביקס אין האַנט,
אַרויסטרייבן די מערדער פֿונעם לאַנד.
אפֿשר דעמאָלט אויפֿגיין וועט אַ ניי פֿאַרזיי
און ווידער וועט צו לעבן זיין כדאַי.

מוטערס־טאָג

אַ בריוו פון מיין זון פון דעם ווייטן וויעטנאַם,
פון מיין קינד, מיין טייערס, אַ בריוו צו זיין „מאַם״.
טויזנטער מיילן אַוועק פון דער היים,
מיט ווייטיק און צאָרן איך לייען אים און וויין.

„ליבע מאַמע״, ער שרייבט, „צום מוטערס־טאָג
כ׳וואָלט אַזויפיל דיר שרייבן, אַזויפיל דיר זאָגן,
נאָר איך שלעפּ זיך אין דזשאַנגל און זוך די וויעטקאַנג
מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס און אַ ביקס אין דער האַנט.

„כ׳בין אַנומלט געשטאַנען ביי אַ פריידלעכן טייך
און פּלוצלונג אָן אַנפאַל, אַ פלאַם און אַ רויך!
אויף ד׳ערד זיך געוואָרפן, פאַרטויבט פון דעם קראַך —
ס׳האָבן אונדזערע באָמבערס אַ טעות געמאַכט . . .

„און נעכטן, צווישן אונדזערע „פריינט״ אין סאַיגאָן,
דאָס פאָלק צעברויזט, ווי אַ צעבויטעטער ים,
מאַרשירט און שרייט: ׳יענקי, גיי אַהיים!׳
איז וואָס טו איך דאָ? כ׳וואָלט עס וועלן פאַרשטיין.

„אַ גליקלעכער מוטערס־טאָג, מיין טייערע ׳מאַם׳!
כ׳וואָלט עס גערן געזאָגט צו אַ מוטער אין וויעטנאַם,
נאָר כ׳האָב דערהרגעט איר זון און פאַרברענט איר הויז,
און ס׳קאָן זיין, אַז מאָרגן . . . וועל אויך איך זיין טויט.

„ס׳איז פרילינג און דער הימל אַזוי וואונדערלעך בלוי,
נאָר די פייגל דאָ שרייען מיט פחד אַזוי . . .
עס רייסט זיך אַ געבעט פון מיין האַרץ און נשמה,
אַ האָפענונג, אַ וואונטש — אַ סוף צו מלחמה!

„אַ גליקלעכער מוטערס־טאָג!״

ער וועט זיך איינגראָבן . . .

ער וועט זיך איינגראָבן אין דער ערד, ווי אַ קראָט,
מיט ווייב און קינד, ביבל און ביקס,
און אפשר אויך אַ קרוציפיקס.
מיט הענט געניטע זיך אַ קעלער בויען
פון שטאָל און שטיין.
אַריינשטעלן בעטן, פּאָליצעס, אַ שראַנק,
אוודאי אויך אַ טיש, אַ באַנק
און זעק מיט זאמד.
פּאַרגרייטן וואַסער, שפּייז,
בערשטעלעך פּאַר די ציין.
דערנאָך באַטראַכטן אַלץ מיט שטאָלץ,
ווי גוט עס איז און ריין,
פּלאַמען מיט בטחון:
אָנגעגרייט,
יאָ, אַלץ פּאַרגרייט
אויף צוויי
פולע
וואָכן.

אַ פענצטער וועט ער אויסמאָלן אויפן וואַנט
מיט ווייסע פאַרהענגלעך פאַרצויגן,
אויך אַ לאַנדשאַפט מיט אַ בוים —
שיין זאָל זיין פאַר זייערע אויגן.
די קינדער וועלן זיך שפּילן
מיט ביקסלעך און אין רינגען,
אַ פּלאַט וועט שפּילן דאָס נייעסטע ליד
פון סאַמע בעסטן זינגער.
אין אָט־דער פיינער אַטמאָספער
זיין ווייב וועט זיי אַ מאָלצייט קאָכן.
אָ, זיי וועלן עסן, טרינקען, שלאָפן
צוויי
וואָכן!

מיט אַ ביקס און אפשר אויך מיט אַ גראַנאַט,
ווי אַ בראַוווער פּאַטריאָט-סאַלדאַט,
ער וועט שטיין ביים טיר פון זיין פּאַלאַץ
און היטן,
אַז די קליינע עלענאַר
מיט די זיידן-ברוינע לאָקן,
דאָס חנעוודיקסטע קינד פון שכן,
זאָל נישט שטורעמען זיין פעסטונג,
זיין קעניגרייך
פון צוויי
פולע
וואָכן.

מיט אַ ביקס און נישט מיט אַ דראַנג, אַ שטעקן,
ווי זיין אור-זיידע אין הייל אַמאָל,
וועט ער משפּחה זיינע דאָ באַשיצן
פון אַריינדרינגער, וואָס לויפן אין בהלה,
ווען עס קראַכן אַטאָם-בליצן
און אַרויספאַל סמט די לופט.
ווי אַ גלויביקער, אַ פרומער,
ער וועט תפילה טאָן טאָג-טעגלעך,
דאַנקען, וואָס אים איז געלונגען
זיין ברודערס ווייב דאָ צו פאַרטרייבן
מיט איר קלענסטן קינד, דעם זויגלינג,
פון זיין שוץ, זיין וואַסער, שפּייז,
אויף פולע
צוויי
וואָכן.

יאָ, ער איז גרייט צו שלאָגן, שיסן
ברודער, פריינט, צי גוטן שכן,
וואָס וועט מיט געוואַלט, צי מיט געבעט
אַריינשטעלן זיך אין טיר.
ווי געטרייער מאַן און פאָטער,
ס'וועט זיין האַרץ זיך פרייען, קוויקן,
ווען קינדער זיינע עסן, טרינקען,
און זיין ווייב וואַשט געשיר.
ווען אויבן איז שוין אַלץ פאַרברענט
און ראַדיאַירונג שפרייט דער ווינט,
ער וועט פלאַמען מיט נצחון:
באַשיצט,
באַזאָרגט זיין הויזגעזינט
אויף צוויי
פולע
וואָכן!

אַ מענטש איז געבוירן . . .

אַ מענטש איז געבוירן צו זיין אויף דער פריי,
די פליגל ווי אָדלער צעשפּרייטן,
און לאָזן זיין האַרץ, זיין וויזיע, זיין קראַפט
דעם יום־טוב פון ברידער פאַרגרייטן.

אין פרילינג, אין האַרבסט, אין זוניקע טעג,
אויף רחבותע וועגן זיך יאָגן;
אפילו אין ווינטער פון לעבן קאָן מענטש
קיין וועגט, קיין פאַרצאַמונג פאַרטראָגן.

אַ מענטש איז געבוירן צו זיין אויף דער פריי,
פון הימל און ערד דער באַזיצער;
די ליבשאַפט פון מוטער, פון פרוי און פון קינד,
פון ווינטן פון בייזע באַשיצן.

די אייגענע היים און דאָס הויז פונעם פאָלק
מיט הענט האָרעפּאַשנע צו פלעגן;
און קומט ווען אַ שטורעם — ערלעך, געטריי,
די שכנים אַרומיקע וועקן.

אַ מענטש איז געבוירן צו זיין אויף דער פריי,
און ווערט ווער אומשולדיק געפאַנגען,
עס ווערט מיר אַ תפיסה די בליענדע ערד,
אַ נעסט פון גיפטיקע שלאַנגען.

קאָן איך ניט רוען, ניט לעבן זיך זאַט,
ווען זיי דאָרט אומשולדיק פאַרשפּאַרטע;
רוף איך צו זיי: „זייט מוטיק, זייט שטאַרק!
מיר וועלן צעברעכן די גראַטעס!”

כ׳בין שטאָלץ מיט דיר

כ׳בין שטאָלץ מיט דיר, שוועסטער פון מיין דור!
שטאָלץ מיט דיין עקשנות, דיין פאַרויסגאַנג,
דיין אויסגעקעמפטע וואָר.

אין וויפל טירן פעסט־פאַרשלאָסענע האָסטו געקלאַפּט
און מיט דיין מאַרך און לעבנס־ווילן זיי געעפנט?
וויפל מאָל געצונדן ליכט, און איבער קראַנקער וועלט געוואַכט?
געטראָגן היילונג, טרייסט; מיט בלוט פון האַרץ
פאַר נייעם דור אַ ניי געזאַנג געשאַפן.

ווי אָפט האָט מען דיין קראַפט און מי פאַרשוויגן!
ווי אָפט דיין שאַפונג אויסגעלאַכט!
דאָך זע!
די מעשים דיינע הייבן דיך אַרויף, ווי שטיגן,
דו קלעטערסט העכער, העכער,
און דיין פאַקל
באַלייכט די נאַכט.

עס קומט אַ טאָג

דער קאַמף פאַר מענטשן־ווירדע
איז נאָך ניט פאַרביי.
ער טראָגט זיך קעגן רשעות,
קעגן קויל פון בליי,
ער פלאַקערט, ווי דער נביא,
מיט געדעכטן צאָרן,
אין הערצער יונגע, ריינע,
אויפדאָסניי געבאָרן.

אָ, דער אַלטער צאָרן
און דער יונגער פלאַם!
מען קאָן אים ניט דערטרינקען
אין אַ כוואַליע סם,
מען קאָן אים ניט דערשטיקן
מיט פאַרצווייפלונג־שטריק,
דער גורל פון דער וועלט
אין זיינע פונקען גליט.

קומען וועט אַ טאָג
פון שיין און פרייד און רו:
נאָך ווינטער פון צעטייל
גייט־אויף אַ נייע זון,
טראָגט היילונג, שפע, ליכט,
וואו חושך, פיין און נויט,
ס'האָט ברודער־האַס געטיילט
לויט פאַרב פון הויט.

עס קומט, עס קומט דער טאָג
נאָך שווערן, לאַנגן גאַנג!
איך הער זיין טראָט,
איך הער זיין יובלדיק געזאַנג.
איז זאָל מיין ליד, אין האַרץ צעגליט,
צעשמעלצן שנאה־ווענט,
אַז ברודער זאָל אַ ברודער זיין,
און מענטש זאָל זיין אַ מענטש!

ראַקעטן־צייט

אויף די פליגל פון צייט

פלי, פלי, אויף פליגל פון צייט!
פלי, פלי, אין רוימען אומענדלעכע!
וויש־אָפּ אַלע גרענעצן, אַלע צאַמען פון ווייט,
נאָר לאָז איבער ס׳האַרץ דיינס אויף ערד אונדזער הערלעכער!

אַזויפיל שוין בלוט דאָ פאַרגאָסן דורך יאָרן,
אַזויפיל שוין טרערן אין טייכן דאָ רינען,
דאָך יעדער באַגינען אויפסניי ווערט געבאָרן
אַ ראַזעווער, גרינער, אָן שנאה, אָן קנאה.

פלי, פלי, צעשטראַלט און צעזונגען!
שטרעק־אויס דיינע אָרעמס צו וועלטן אומצייליקע!
און זאָל שוין דאָ אויפגיין אַ שלום־באַגינען,
אַ ליכטיקער, ריינער — אויף ערד אונדזער פרעכטיקער!

איך גלויב . . .

איך גלויב, אַז וואו דער שכל
זאָל נישט מענטש פאַרפירן,
זיין האַרץ וועט עפענען אַלץ נייע טירן
וואו בליק ווערט וויזיע
און ליבשאַפט — שכר.

צי וועט ער אַלץ נאָך זיין אַ נאַר,
זוכן אין דער טיף,
וואו ס׳שווימט זיין לעבן ווי אַ שיף
אויף ימען ברויזיקע און העלע
און פרעגן זיך: וואוהין, וואוהין?
אַט פונקט ווי איך און דו
וואָס זוכן אַלץ אַ זין
אין אונדזער גאַנג
צו אומבאַקאַנטע שוועלן?

איך גלויב, עס וועט זיין האַרץ
אין שטערן־שטויב זיך נישט צעפאַלן,
און נישט פאַרגליווערן אין שטיין.
אַפילו ווען ער וועט אין ספערן שוועבן,
עס וועט אים שווער דאָרט זיין אַליין —
ווי איך און דו,
ער איז פון פלייש און בלוט און ביין.

ראַקעטן־צייט

ראַקעטן־צייט
האָט ערד די גרויסע איינגעשרומפּן;
ראַקעטן־צייט
האָט מוח מענטשלעכן צעצויגן און צעשפּרייט;
נאָר ס'האַרץ דאָס קליינע
צאַפּלט אַלץ נאָך אין דעם גוף ווי פריער,
שלאָגט נאָך האַסטיקער
אין שרעק און פרייד.

עס שיסט דער מענטש אַרויף דאָ
שיפן מיט ראַקעטן
און זוכט די סודות פון באַשאַף דערגיין.
ער צילט און צילט
אין ווייטערע, אין העכערע פּלאַנעטן,
נאָר ס'האַרץ —
עס טרויערט און עס פרייט זיך,
לאַכט און וויינט.

דער דראַנג פון מענטשן
פליען העכער, העכער,
דערהערן פון די ספערן דאָס געזאַנג;
נאָר ס'האַרץ דאָס קליינע
איז נאָך אַלץ אַ פולער בעכער, —
פלייצט אַריבער מיט דער זיסקייט
און דער ביטערניש
פון זיין קורצן, קורצן גאַנג.

וואוהין, וואוהין?

וואוהין, וואוהין, דו פליער אין די רוימען?
וואוהין, וואוהין שליח פון דער ערד?
מיין האַרץ איז פול ביז צום אַריבערשוימען —
עס איז מיר אַזוי גוט און פיינלעך שווער.

ווי אַ מאַמע כ'וואָלט דיך דאָרט באַשיצן,
ווי אַ שוועסטער זיך געטיילט מיט דיר.
מען האָט באַוואָרנט דיך פון קעלט און היצן,
נאָר וואָס, אָ, וואָס דו ברענגען ווּעסט פאַר מענטש, פאַר מיר?

צי ווּעסטו דונער און דעם בליץ דאָרט צוימען,
אַ גרינע און אַ ליכטיקע מיר אומקערן די ערד?
אָדער ווּעסט אין סדר אייביקן פון רוימען
אַריינטראָגן כאַאָס, הפקר און צעשטער?
צי ווּעסטו מיר אַ שטערן בליציקן דערלאַנגען,
מיין אויג פאַרטיפערן מיט זין און קראַפט,
איך זאָל אין מענטשנס אייביקן געראַנגל
באַנעמען ס'געטלעכע וואָס צינדט און שאַפט?

אַזוי פיל רשעות אין דעם מענטשס רעגירן,
אַזוי פיל טרערן בלוטיקע אין אונדזער גאַנג —
וואוהין, וואוהין ווּעט דיין שליחות פירן?
צו פרייד און פריד? צו אונטערגאַנג?

איך פלי מיט דיר אין וואונדער־ווייטע רוימען
און ציטער איבער גורל פון דער מאַמע־ערד.
דאָס האַרץ איז פול ביז צום אַריבערשוימען,
עס איז מיר אַזוי גוט און פיינלעך שווער...

דאָס פּינטעלע...

דאָס פּינטעלע אין אוניווערז,
אַט־די פּלאַנעט וואָס רופט זיך ערד,
פאַר מיר איז מאַמע און געליבטע,
שיינקייט און געזאַנג.

דאָס מענטשן־קינד,
דער ביליאַנטל אויף פּינטעלע,
וואָס נעמט מיט האַרץ און מאַרך אַרום
אומענדלעכן קאָסמאָס,
פאַר מיר איז זין פון זיין,
מוזיק פון גאַנג.

אָ, אַלץ וואָס מיר איז דאָ באַשערט,
אַלץ וואָס אויפגעבויט,
וואָס ווערט
טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרטראַכט, פאַרמירט,
באַווירקט פון גוטס און שלעכטס,
אויף וואָגשאָל הענגט...
וויגט זיך
לינקס און רעכטס,
רעכטס און לינקס,
לינקס און רעכטס...

אָ, אַלץ פון וואָס עס חלומט וואו אַ מענטשן־קינד,
אַלץ פון וואָס ער טראַכט און פילט,
און זוכט און ראַנגלט זיך
און וויינט און זינגט,
איז נאָענט מיר
און ליב און שווער.
און כ׳ציטער איבער אים
וואָס איז דער זין
פון גיין און זייַן,
אָט־דעם ביליאָנטל,
אויף פּינטעלע, וואָס רופט זיך ערד —
ער זאָל ניט ווערן אַש און שטויב און נול,
ווען די וואָג
ווערט פּלוצים
איבערפול.

מענטש און וועלט

1

אין סאַמע צענטער פון דער וועלט,
אויף פלאַך פון קרייזנדיקער ערד,
איך זע דעם מענטש.

איך זע אים אין זיין גרויסקייט
און זיין שאַנד,
אין זיין צער און פרייד.
די הענט, ווי פליגל אויסגעשפרייט,
דעם קאָפּ פאַררייסן צו די הימלען.

דער מענטש —
רק ער ציט זיך צו די שטערן!
רק ער וויל אַ גאָט דאָ ווערן
צו באַשאַפן און צעשטערן!

2

פון אורשפרונג-פייער,
וואָס האָט די ערד
פון ימען שטורמישע
אַרויסגעשטויסן,
אַרויסגעהויבן
און אין שיינקייט
אויסגעפורעמט —
עס איז אין מענטש אַ פונק פאַרבליבן,
אַ פונק פון האַסן און פון ליבן.

עס גליט דער פונק און לאָזט נישט רוען,
פילט אָן דאָס ערדישע מיט אומגעזעטיקטן באַגער:
ער בויט, ער בויט אַלץ בבל-טורעמס,
צאַמט-אָפּ, צעטומלט און צעשטערט;
ער הרגעט, קוילעט ווילד און הפקר,
רעדט פון גאָט און קרוינט דעם שקר,
וויל אַלץ פאַרכאַפּן, אַלץ פאַרצערן,
און... ציט זיך, ציט זיך צו די שטערן.

3

אָ, מענטש!
גיב די וועלט מיר אַ צעגרינטע,
נאָך די שטורעמס און געוויטערס!
לאָמיר פון די פונקען הייסע
אויסברענען דאָס ערדיש-בייזע!
אויסשמידן דעם שטאָל פון וויסן,
אויסשמידן דאָס גאָלד פון לעבן!

אָ, גיב מיר דאָ אַ לעבן נייעם,
ניט פון האַסן, נאָר פון ליבן!
ניט פאַריאָכן, נאָר באַפרייען!
מער ניט אויף די רוקנס רייטן,
מער ניט דאָ קיין בלוט פאַרגיסן —
פון באַשאַף דאָס הייליק פייער
אין שטראָמען ליכט, אין פרייד זאָל פליסן!

ניט קיין גאָט און ניט קיין חיה,
אָ, שאַף מיר, וועלט, אַ מענטש אַ נייעם!

די הימל־ברידער

די הימל־ברידער פליען אין דער צוקונפט,
דער היינט ווערט איצט אַן אורח ביי דעם מאָרגן,
און מיר וואָס פרייען זיך און חלומען און זאָרגן,
פליען־מיט אויף פונקען וואָס מיר באָרגן.

די הימל־ברידער קרייזן אין די ספערן
און זינגען דאָרטן ערדיש־פּראָסטע לידער:
אַ באַגריסונג און אַן אָנזאָג צו די שטערן,
אַז קומען וועלן מערער, אַפּטער, ווידער.

און זאָלן טאָג און נאַכט ווי בליץ זיך בייטן,
און זאָל דער קאַלענדאַר באַקומען נייע צאָלן —
עס וועלן מיינע אייניקלעך אויף וואָלקנס רייטן,
אויף שפּיץ פון דער לבנה בילדער מאָלן.

גוט יום־טוב!

מיר פליען אין הימל אינצווישן פלאַנעטן,
מיר פליען אין ספערן אָן לופט און אָן וואָג,
און דאָך ווען אַ פריינט אין אַן אָונט אַ שפּעטן
עפנט מיין טיר מיט אַ שמייכל און זאָגט:
— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! —
גייט אויף פאַר מיין אויג אַ בילד פון פאַרצייטן,
ווען פאָרן מען פלעגט מיט אַ פערד און מיט באַן
און אָנקומען שפּעט אין אַ ווינקל אַ וויטן,
אַריינפאַלן אין שטוב מיט אַ פרייד־טאַראַראַם:
— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

די ריחות פון יום־טוב, די ריחות פון לעבן,
כ׳וואָלט גערן געשיקט דעם פליער אין רוים,
שטאַרקן אין אים די לעבנס־געוועבן,
ברענגען פון ערד אים די ווײַנען צעשוימט,
די לידער פון שמחות, ווען ס׳הייבן זיך בעכער
און פריינט און משפחה זיך זאַמלען ביים טיש —

איך ווייס נישט וואָס שענער, איך ווייס נישט וואָס העכער:
די ראַנגלען די שווערע, פאַרדראָסן און שרעק,
די זאָרגן די גרויע פון וואָכן אַוועק,
און גוף און נשמה דערהייבן, דערפרישט
אין יום־טוב צעשטראַלטן, אין יום־טוב ביים טיש —
— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

די וואַנדער־לוסט

1

די וואַנדער־לוסט —
דעם מענטשנס ציי צו ווייטן אומבאַקאַנטע,
צו שליאַכן ברייטע,
זון־באַגאָסענע,
און שטעגן שמאָלע,
פון קיינעם ניט באַטראָטענע,
וואו ס׳וואַרט די פרישקייט פון אַן ערשטן בליק,
די נייקייט פון אַנטדעקונג
און אַנטפּלעקונג
און געבורט —
די וואַנדער־לוסט,
וואָס עפנט אויף צו טרוים אַ טיר —
צי האָט זי מיך דען ניט פאַרפירט ?

די וואַנדער־לוסט !
אינמיט פון רעש און ראַנגל,
מלחמה־פייערן און מאָרדן,
באַפאַלט זי מיך ווי הונגעריקע חיה,
פאַרצוקט דעם נעכטן און דעם מאָרגן,
באַפעלט :
אַנטלויף ! אַנטלויף !
אַנטלויף פון וועלט
אויב ווילסט דיין זין אויפסניי געפינען !
אַנטלויף, אויב ווילסט דיין מענטשלעכקייט
פאַרהיטן און געווינען !
אַנטלויף פון באַרג צעפּיצלטע פאַרדראָסן,
פון אַלע ווייטיקן און זאָרגן !
לויף אין ווייט, לויף אין פרעמד,
וועסט דאָרט געפינען האָפענונג אויף מאָרגן,
וועסט דאָרט געפינען
מענטש אין מענטש !

2

אַ, ווען איך וואָלט באַרוועס דאָ געשפּאַנט,
מיט טאָרבע ברויט אויף אַקסל
און שטעקן אין דער האַנט,
כ׳וואָלט זיכער וואו דערזען, דערקענט
דאָס מענטשלעכע אין מענטש.
פלי איך אָבער אין עראָפּלאַנען,
וואו ס׳זיצן מענטשן קאַלטע, שטומע,
ניט פרעגן מיך
פון וואו, פון וואַנען —
זיץ איך אויך —
אַ קאַלטע מומיע.

וועגן ווייטע, שטעגן שטילע,
דורך וואָלקנס אונטן שוועבן, שווימען.
ערגעצוואו דאָרט,
ווי מוראַשקעס,
מענטשן האַווען, מענטשןווימלען.
איך הער אַ קרעכץ דורך אַלע הימלען,
אַן אויסגעשריי פון בלוט און צאָרן . . .
זיץ איך ווי אַ קינד פאַרלאָרן
און מיין האַרץ גייט אויס פון בענקשאַפט
נאָך די נאָענטע און ליבע,
וואָס אין טאָג פון ראַנגל שווערן
כ׳האָב פאַרלאָזן ווי אַ בלינדע.
און רחמנות, ווי אַ כוואַליע,
פאַרגיסט מיין מאַרך און אַלע גלידער
אויף אַלע טאַטעס, אַלע מאַמעס,
אַלע הונגעריקע קינדער.
אויף די זין וואָס פאַלן, פאַלן,
ערגעץ ווייט אַריבער ימען,
אויף די אומגעבראַכטע קינדער,
אויף דער ערד, וואָס ברענט אין פלאַמען.

שווינדט דער טרוים פֿון וואַנדער־וועגן,
ברייטע שליאַכן, שמאָלע שטעגן.
איך זיץ אַ שטומע צווישן שכנים
און הער פֿון ערד אַ יאָמער־וויינען.
אין דעם גרילץ פֿון עראָפּלאַן
עס הילכט דער דונער פֿון קאַנאָן,
קראַך פֿון באָמבעס, פּייף פֿון קוילן — — — —

איך זיץ פֿאַרשטאַרט, אין שרעק אין הוילן,
און הער זיך איין.
אַ, אין ברום פֿון דזשעט־מאָטאָרן
אַ געשריי פֿון בלוט וואָס צאָרנט,
זידט אָן אויפֿהער, וויל ניט שטילן,
רופֿט און מאָנט,
שטראָפֿט און וואָרנט . . .

דריי איך אויס מיין קאָפּ צו שכנה,
וואָס איבער צייטונג זיצט געבויגן;
כ'שטיק אין זיך מיין אייגן וויינען
און זע אַ טרער אין אירע אויגן.

זאָג איך שטיל:
„מען קאָן ניט לויפֿן,
ניטאָ קיין אָרט מער צו אַנטרינען.
פֿון אַלע טייכן, וואַסער־טראָפּנס,
רויט פֿון בלוט, פֿאַרסמטע רינען.
אויף אַלע בערג, אין אַלע טאָלן,
ברעכט זיך ערד, ווערט אויפֿגעריסן —
ברענען קינדער ווייט אַוועק,
ברענט די ערד אויף אונדזער וועג".

אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד

ווייט פון ענגע דירות-לעכער,
העכער פון די בוידעם-דעכער,
שטראַלט די נאַכט די ניט-פֿאַרשוועכטע,
אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד.

נאָדלען דינע, לאַנגע שפּריצן
מיט אַ האַסט, אַ בלענד פון בליצן,
אין פֿאָנטאַנען פֿליסן, שיסן,
אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד.

קרישטאָל-שפּריצן שעמערירן,
לויכטן, שפּילן, בלענדן, צירן
נאַכט פון רייץ און דינעם שפּירן
אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד.

אָבעליסק — שטאָלץ, פֿאַרריסן,
שטעכט דעם הימל מיט זיין שפּיץ און
קאָן די שטערן ניט דערשטעכן
אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד.

דימענט-טראָפּן פינקלען, פאַלן,
ברעכן זיך ווי וואַסערפֿאַלן,
קעגן טריאומף-טויער שטראַלן
אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד.

לבנה שוועבט אַרום פֿאַרוואונדערט,
זוכט אַן אָרט אינצווישן ליכטער,
טויכט דורך וואָלקנס פון געשיכטע
אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד.

ציטערט־אויף אַ ליד פון צייטן:
דורות נאָענטע, דורות ווייטע,
שווימען־אָן, פעכטן, רייטן,
אויפן פּלאַץ קאָנקאָרד.

און פון ווייטע בוידעם־דעכער
טראָגט אַ ברום זיך העכער, העכער,
שפּרייט זיך, שפּרייט זיך, ווי אַ פעכער,
אויפן פּלאַץ קאָנקאָרד.

הימל, שטערן, שימער־שפּריצן,
רחבות, בלענד אין נאַכט פּאַריזער,
אַלטע, נייע וואונדער־וויזיע —
אויפן פּלאַץ קאָנקאָרד.

רו־אָפּ פון וועג

שטעל אוועק די טשעמאָדאַנעס,
רו־אָפּ, רו־אָפּ פון וועג.
אויך דאָ איז מענטש פאַראַנען,
אויך דאָ עס זיינען טעג
באַלאָדן מיט פיל מיינען,
מיט וואונדער און מיט צער,
אויך דאָ דערהערסט אַ וויינען,
אַ צאַפּל פון אַ האַרץ,
און הימלען בלויע, גרויע,
מיט האָפענונג און שרעק
קוקן דורך די אויגן
פון מענטש אין טאָג־געיעג —

פּאַק־אויס די טשעמאַדאַנעס,
רו־אָפּ, רו־אָפּ פון וועג.

אַזוי ווערן יאָרן פאַרשריבן . . .

אַזוי ווערן יאָרן געמאָסטן, געציילט,
אַזוי ווערן יאָרן פאַרשריבן:
ציפער צו ציפער אין סך־הכלען געטיילט —
ס'איז קלאָר ווי זיבן מאָל זיבן.

אַ ציפער קאָן זיין אַ טרוקענע זאַך,
ווי קאָרע וואָס שיילט זיך און פאַלט.
אַ ציפער אַראָפּ, אַ ציפער אַרויף —
דער לוח־בלאַט ענדערט ס'געשטאַלט.

אַ ציפער קאָן זיין אַן אות אין אַ בוך,
פון אַלטקייט פאַרשימלט, פאַרגעלט.
אַ יאָר אַזאַ ליגט פאַרגעסן אין צייט,
אַ בלויז אין דעם גאַנג פון דער וועלט.

נאָר יאָרן ווי די פון וועלכע איך זינג,
זיי זיינען ניט טרוקן, פאַרלאָרן;
זיי האָבן מיט זאַפטן פון שוויים און פון בלוט
באַפרוכפערט דעם היינט און דעם מאָרגן.

זיי זיינען די טרעפּ אויף וועלכע מיין דור
דערפילט האָט די מאַכט פון זיין אָרעם,
און ריזיקע בריקן צום לעבן געבויט
אַריבער די פינצטערע קברים.

איך הער אין זיי טריט פון פעלקער באַפרייטע
אין מאַרשן, פאַרמעסטן און שפּיל;
דער וואונדער פון מענטש אין גלויביקן שטייגן
אַלץ העכער און נעענטער צום ציל.

נאָר ס׳פלאַטערט דער אומרו, די שרעק פאַר פאַרוויסטער,
געשפּענסט און קאָשמאַר פון די טעג,
וואָס סמען די קוואַלן, די טרוימען די זיסע,
מיט אומקום פאַרזייען דעם וועג.

און ס׳טראָגן זיך פעלקער געשטאַלטע אין פייער,
דורך חורבן און לענדער צעשטערטע,
אַנטקעגן דער רשעות פון מענטשלעכער חיה,
אין ראַנגל פאַר מענטשלעכע ווערטן.

די יאָרן פון קאַמף, פון פרייד און פון פיין,
זיי זיינען קיין ציפער פאַרגעלטע:
זיי לויכטן פאַר מיר מיט אַן אויסטערליש שיין,
מיט ראַנגל און אויפגאַנג פון וועלטן.

דיינע פופציק יאָר

1967—1917

1

ווען וועלט זאָל זיין אַ פרידלעכער, אַ זון־צעשטראַלטער האָפן,
איך וואָלט פון דיינע פופציק יאָר אַ וואונדער־ליד באַשאַפן.
כ׳וואָלט דיר אַן אָדע זינגען, אויף אַ לירע שפּילן
דאָס ליד פון שיינקייט, יושר, גליק; פון האַרציקע געפילן
צו ברודער־מענטש, צו טרוימער און צו בויער,
וואָס פּראַלן אויף דעם מאָרגן־טויער
און טראָגן אונדזער מאַמע־ערד
אַריבער צער און טרויער,
אַריבער פייער, בלוט און טרערן,
דעם גליק צעשטראַלטן, ניט־געוועזענעם,
פאַרן מענטש געבערן.

נאָר ס׳איז מיין וועלט אַ שלאַכטפעלד היינט,
וואו ס׳ברענען קליינע קינדער,
און איך, אַן אויפגעצאָרנטע, אַנטקעגן פלאַמען־צינדער,
זוך גלייכגעוויכט געווינען אין ווירבל פון קאָשמאַר.
אַריבער אָפּגרונטן, אַריבער אָפּריסן פון בערג
איך זוך מיין ליד צעריסנס אויף בלוטנדיקער ערד.
דאָ הער איך מהנות שפּאַנען אין ראַנגל פון דער צייט,
ס׳קלינגט־אָפּ אַ ליד פון שלום, מוטיק, גלייביק, פריי,
און האָפענונג, ווי זון, גייט־אויף אין האַרץ אויפסניי.

2

טראַכט איך פון די יאָרן אינמיט פון וועלט־געראַנגלען
און ווער אין ברויז פון פרייד און צער, צעשטער און בוי געפאַנגען.
עס גייען־אויף די פרילינגס, עס גייען־אויף די האַרבסטן,
די טעג פון וואקסן, בליען און פאַרדאַרבער־שלאַקסן.
אַזויפיל זיינען זיי געוועזן די שטרויכלונגען און וואונדן,

נאָר מער, פיל מער, די לעבנס הערלעכע אין מי
און קאַמף פאַרבונדן.
אַזויפיל די חלומות — יונגע, שפּראָצנדיקע גרינסן —
און פּרוכטן פון דערגרייכונג, נצחונות און געווינסן.
דער אויסדויער, מוט און גלויבן,
וואָס האָבן יאָרן שווערע אויף פליגל שטאַרקע אויפגעהויבן,
געטראָגן זיי דורך פופציק יאָר, ווי זוניק־העלע רינגען —
צי קאָן דען ווער דאָס אין אַ ליד באַזינגען?

3

אָקטאָבער האָט די ערד געטאָן אַ טרייסל,
אַ בראָך געטאָן פאַרפוילטע פונדאַמענטן,
געעפנט וואונדן אייטערדיקע, הייסע,
אַ הילך געטאָן איבער אַלע קאָנטינענטן.

און ס'האָט אַ פלייץ געטאָן, ווי לאַווע פון וואולקאַנען,
דער צאָרן דער פאַרשפּאַרטער פון מיליאָנען,
אַראָפּגעשווענקט אין כף־הקלע מאַכט־טיטאַנען,
מיט פראָסטע העק צעשמעטערט טראָנען.

שטורעם, שטורעם פון אָקטאָבער!
מבול בלוט און מבול טרערן!
וויפל שפּאַרבער, וויפל ראָבן
געפּיקט דיין לייב ביים געבערן?

דיינע פעלקער אין פאַרמעסטן
און מיין פאָלק אויך צווישן זיי —
דאָך פאַרשניטן ברידער, שוועסטער,
טויט עם ווײ . . . טויט עם ווײ . . .

נאָר די זוימען פון באַפרייאונג
ניט צעשטערן קאָן קיין וויכער,
ניט קיין געץ, קיין אָפּגאָט נייער,
ניט אַריינדרינגער, פאַרניכטער!

שטורעם, שטורעם פֿון אָקטאָבער,
טרייסלט אַלץ נאָך קאָנטינענטן!
פֿיל געליטן, פֿיל דעראָבערט,
דערהייבן נייע פֿונדאַמענטן!

4

עס האָט די צייט מיט אירע מעכטיק־הייסע שטראָמען
דיך אַ רים געטאָן פֿון קעלערן און תּפֿיסות,
אַ הייב געטאָן מיט קראַפֿט פֿון טויזנטער ציקלאָנען
אַנטקעגן בייז, אַנטקעגן רשעות!
דיר אַ באַפֿעל געגעבן:
פֿאָרויס!
פֿאָרויס צו ליכט און לעבן!

און אויפֿגעגאַנגען איז אויף טרייסלענדיקן באָדן
דאָס קערנדל פֿון טרוימער און נביאים,
וואָס בלויז אין חלום האָבן זיי געזען עס בליען.
מיט בלוט און שווייס באַוואַסערט,
מיט גלויבן ריינעם, ווי מיט זון, צעוואַרעמט און צעלויכטן,
עס האָט אַ בוים אַ מעכטיקער גענומען וואַקסן
אינמיט פֿון פֿייערן און רויכן.

און זע:
אַ האַלב־יאָרהונדערט שוין,
ווי יאָר־אויס, יאָר־איין,
ער ווערט מיט נייעם, העלן בלי באַשאָטן!
ווערט אָנגעגאָסן מיט דער קראַפֿט פֿון טויזנטער וואָס שפּאַנען
צו מאָרגנס זוניקע אויף ערד און איבער אָקעאַנען,
צו נייע וועלטן, נייע וואונדער, נייע שטערן,
וואָס ליגן נאָך פֿאַרבאָרגן אין באַגינען
און וואַרטן אויף דער צייט וואָס וועט אַנטפּלעקן זיי, געווינען —
די צייט וואָס האָט דיר דעם באַפֿעל געגעבן:
פֿאָרויס!
פֿאָרויס צו שלום און צו לעבן!

יאָ, אַ האַלב־יאָרהונדערט שוין ווי ס'וואַקסט דער בוים . . .
און אויב אין זיין געפלעכט פון צווייגן
עס קריכן אַליץ נאָך ווערים,
וואָס שעדיקן זיין וואַקסן, שטייגן,
די פרוכט פון צייט־צו־צייט פאַרדאַרבן,
פאַרשוועכן אָנזאָג פון אָקטאָבער, —
איך ווייס:
דעם בוים, וואָס איז געפלאַנצט מיט בלוט און טרערן,
זיי קאָנען קיינמאָל ניט צעשטערן.
איך ווייס:
עס וועלן דיינע זין און טעכטער
די ווערים פון דעם בוים פאַרטרייבן,
עס זאָל די פרוכט פון וואוילזיין, פריינטשאַפט, שלום,
בליען, רייפן און פאַרבלייבן.

צער און טרייסט

אויב ווען פאַלן . . .

אין אַ האַרבסט-טאָג אין אַ שפּעטן
פלאַמט אַ טרוים אין בלאַט אוןווינט:
פליען וואו ס׳איז אייביק לעבן,
וואו פאַרגאַנג און ווי פאַרשווינדט.

פליען בלעטער, רויטע, געלע,
דרייען זיך אין קאַראַהאָד:
אויב ווען פאַלן — איז געפאַלן
פול מיט פאַרב אינמיטן ראָד!

קוק איך אויף די בלעטער רויטע
און איך טראַכט פון ליבע פריינט,
וואָס פאַרגייען אין די האַרבסטן,
ווען דאָס לעבן פלאַקערט, שיינט.

מען זאָגט מיר...

מען זאָגט מיר, אַז דער טויט איז גוט,
ער לייזט דיך אויס פון ליידן,
דער מענטש, נאָך לאַנגער מי, באַרוט,
איז גרייט מיט וועלט זיך שיידן.

נאָר איך וואָס צאַפּל זיך און לויף
אין ווינט, אין זון, אויף גאַסן־ראָגן,
און פיבער מיטן טאָג, אינמיטן נאַכט שטיי אויף
ניט צו פאַרשפּעטיקן אָן אָנהייב נייעם אין פאַרטאָגן —

איך וויל ניט טראַכטן נאָר פון רו,
איך וויל ניט טראַכטן פון פאַרשווינדן;
איך פּרוּאוו פאַרוואַנדלען שלעכטס אין גוטס
און גיב עס איבער מיינע קינדער.

און אויב ס׳וועט שלאָגן ווען מיין שעה,
מיין ליד, מיין טאַט, וועט בלייבן דאָ.

עס קומט אַ יאָר

עס קומט אַ יאָר, אַ נייער יאָר,
און איך אין טיפֿן צער,
שפּרייט אויס די הענט אין ווייטער ווייט
און רוף און בעט און גאָר.

צו וועמען גייט מיין תּפֿילה היינט?
צו וועמען מיין געוויין?
איך נעם דעם צער פֿון וועלט אַרום —
איך בין נישט מער אַליין...

ס'גייט-אויף דער הונגער פֿון דעם מענטש,
זיין בוי און זיין צעשטער.
אַ, צופֿיל האַס און צופֿיל וויי
אויף אונדזער קליינער ערד!

איך שפּיר די בענקשאַפֿט אין דער לופֿט,
דעם דראַנג פֿאַר פֿרייד און רו;
דעם חלום אין דעם האַרץ וואָס ציט
אַרויף, אַרויף צו זון.

עס ציטערט לאַנג אַ דינער קלאַנג
פֿון טאָג וואָס איז אַוועק...
צי קומט דאָס יאָר, דאָס נייע יאָר,
מיט אַלטער, טונקלער שרעק?

צי הער איך אין דעם ברום פֿון ווינט
אַן עכאָ פֿון פֿאַרגאַנג?
...עס שרייט אַ ניי־געבוירן קינד
אויף שפּיץ פֿון אָפּגרונט־ראַנד...

עס פּאָכען פליגל. ס'פליט אַ קראָ.
אַ טויב אַ ווייסע שוועבט . . .
אַוועק, אַוועק, וויי און שרעק!
מיין וועלט זי רופט, זי לעבט!

אַ נייער שטערן פינקלט, בליצט,
קרייזט אום אין הימל-ספער.
געלייטערט ווערט מיין טיפער צער —
אין וואונדער לייכט אַ טרער . . .

איך נעם אַרום דעם צער פון וועלט
און מיינע הענט איך שפּרייט:
אָ, זאָל דאָס יאָר אונדז ברענגען ליכט,
פאַרוואַנדלען שרעק אין פרייד!

פֿאַרדעק די הוילע אָרעמס...

פֿאַרגאַנגען איז דער זומער,
עס טרויערט פֿעלד אין האַרבסט,
אין בענקשאַפֿט ריינער, פֿרומער,
עס ציט זיך מענטשלעך האַרץ.
וואוהין, וואוהין דער גרייכן?
וואוהין, וואוהין דער גאַנג?
אין די העכסטע הייכן,
דורך בלוט און פֿלאַם און שאַנד?

פֿאַרדעק די הוילע אָרעמס,
טו־אָן אַ טונקל קלייד —
ס'איז צייט פֿון דין־וחשבון
פֿאַר דיינע מעשים, רייד.
פֿאַר יעדן מענטש באַזונדער
און פֿאַרן פֿאָלק, דעם כלל —
צי גייסטו ווי אַ בלינדער
אין רשעות־טאָל פֿון גוואַלט?

עס קומט, עס קומט דער ווינטער,
עס גייען שנייען, פֿרעסט,
עס שרעקט גוואַר־געוויטער,
דער ווינט, וואָס שמעטערט, ברעכט;
עס שרעקט דער מענטש, ווי חיה,
וואָס זוכט פֿאַרצוקן מענטש,
וואָס צינדט אַ העליש פֿייער,
הרגעט, שענדעט, ברענט.

פֿאַרדעק די הוילע אָרעמס,
טו־אָן אַ טונקל קלייד.
ס'איז צייט פֿון דין־וחשבון
פֿאַר דיינע מעשים, רייד.
דו זעסט דעם פֿלאַקער־פֿייער
און שווייגסט ווען ס'ברענט אַ קינד —
אָ, געמשפּט וועט אויך ווערן
פֿון גלייכגילט מענטשנס זינד!

העי, רייטער!

העי, רייטער!
העי, דו, אין שווארץ געהילט,
מיט דער שארפער קאסע!
דו שניידסט אויף לינקס,
דו שניידסט אויף רעכטס,
דו לאזט דיין שארף ניט ראסטן.

טיילמאל כ'שפיר דיך
נאענט, נאענט,
און א שרעק באפאלט מיך.
דעמאלט זינג איך הויך מיין ליד
און לאז אין וועג זיך שפאנען.

דו האסט ביי מיר שוין צוגערויבט
מיין ליבסטן, טרייסטן פריינט.

נאר מיך?
א, ניין! איך האב קיין צייט,
אזויפיל טאן איז נאך פאראן,
איך מוז באווארענען דעם היינט!

און ווידער...

און ווידער איז אַ פרייַנט אַוועק,
און ווידער זיפּצט אַ ליידיק אָרט.
זיי פאַרגייען, פאַרגייען,
(ווי שיטער די רייען!)
נאָר איינזאַם איז קיינמאָל מיין טראָט.

איך טראָג זיי אין הארצן
שוין יאָרן און יאָרן,
בשותפות מיר שפּאַנען אין גאַנג.
און אויב זיי פאַרשווינדן,
בין איך זייער צינדער —
דעם פאַקל איך לאָז ניט פון האַנט.

דאָס פייער איז אייביק,
ווי מענטשלעכע טרוימען,
ווי לעבן, ווי צייט.
(... געשטאַלטן פאַרגייען ...)
געבוירן אין ווייען,
אַ קינד שטרעקט די הענטלעך און שרייט.

טראָג איך דעם פאַקל
אין זונשיין, אין שטורעם,
צעלויכטן, צעפלאַמט קעגן ווינט.
ווען שלאָגן וועט שעה
און איך וועל ניט ווערן,
דעם פאַקל וועט טראָגן,
מיט פרייד און מיט טרערן,
דער מענטש,
וואָס איז איצטער
אַ קינד.

דער פרילינג האָט געגרינט...

הערדין

דער פרילינג האָט געגרינט אויף ביימער צווישן קברים,
אַ העלע זון האָט זאַלציקייט פון אויג געבלענדט,
נאָר עפּעס פינצטערס, ווי די שוואַרצע קרעפּע אויף מיין אָרעם,
האָט איינגעדעקט דאָס גרינס, די ערד, דעם מענטש.

און קאַלט און שווער און אָפּגעצאַמט פון טרויער
עס האָבן פרעמדע הענט דיין אָרון צו דער ערד גענענט.
און פלוצים האָט די פינצטערניש אַ פּראַל געטאָן פאַר מיר
איר טיפן, טונקעלן טויער,
צו דיר, צו דיר געצויגן מיך
אין אייביקן פאַרלענד.

נאָר אָרעמס טרייע האָבן פעסט מיך איינגעקלאַמערט,
אַ קול אַ וואַרעמס האָט געפליסטערט
און שטיל אַזוי געבענטשט;
אויף ברוינער ערד עס האָט אַ פלאַם געטאָן
אַ קראַנץ פון רויטע רויזן,
און כ׳האָב דערהערט ווי ס׳שלאָגט מיין האַרץ
מיט אָפּגעהאַקטן טעמפּ.

עס קאָן ניט זיין . . .

הערריין

איך האָב דיך היינט געזוכט
אויף אַלע גאַסן שטילע;
דאָ האָבן מיר שפּאַצירט
אַט ערשט ניט לאַנג, אין פרילינג.

דאָרט־אָ זיינען מיר געזעסן
אין שאָטן אויף אַ באַנק;
אַ פויגל האָט געצוויטשערט
אויף פּאַלמע גרין און שלאַנק.

די צווייגן האָבן זיך געוויגט,
געמורמלט צו אונדז ביידן;
מיין האַנט אין דיינער זיכער, ווייך:
קיין זאַך קאָן אונדז צעשיידן.

ווי קאָן עס זיין, ווי קאָן עס זיין,
אַז דו ביסט מער נישטאָ?
אַט וואַרט איך דאָך, עס איז דאָך באַלד
אונדזער מיטאָג־שעה.

דיין העמד איך האָב שוין אויסגעפּרעסט,
איך וועל דיין שניפּס פאַרבינדן;
דו וועסט אַ קוש טאָן מיר אין מויל
און שמייכלען ווי פאַרזינדיקט . . .

און אפשר וועלן מיר ביידע גאָר
צום ים זיך טאָן אַ לאָז?
(עס איז נישט מעגלעך, ס׳קאָן נישט זיין,
אַט ערשט, אַט ערשט, נאַר־וואָס!)

איך גיי און זוך לענג־אוים דעם ברעג,
מיר דאכט, דיין טראט איך הער.
נאָר ס'שטייען ליידיק, פוסט די בענק —
דו קומסט נישט, קומסט נישט מער!

עס רוישן כוואליעס. כ'הער דיין קול —
דו שעפטשעסט, רעדסט צו מיר . . .
וואו ביסטו עס אוועק, מיין הארץ?
אך, שווער, אך שווער, אן דיר!

מיין צער נאָך דיר . . .

הערדין

מיין צער נאָך דיר
ליגט איינגעקנוילט אין מיין ברוסט
ווי אַ שלאַנג,
אָנגעשפּיצט און וואַך,
גרייט צו באַפאַלן,
שטעכן מיך טיף.

נאָר אין שטילן פאַרנאַכט,
ווען איך זיץ צווישן פריינט
און הער אַ קוואַליק פּליסן פון צייט, —
מיין צער דרעמלט־איין.
וויגט זיך אויף גאָלד־געפלעקטן ציטער
וואָס שימערט צווישן שאָטנס אויף ווענט.
איך רייד און איך שפּאַס,
און געלעכטער פון פריינט
איז ווי ליד פון האָפענונג
אין אויפגאַנג פון טאָג.

דערנאָך פאַלט־צו די נאַכט.
איך בין אַליין.
לאָמפּן בליצן. ס׳רוישט אַ מאַשין.
אַ טעלעוויזע שרייט.
אַליין צווישן ווענט.
דער צער אין מיין ברוסט
איז וואַך.

ניט פאַרשניטן איז דיין טרוים

מוזיק פון ל. פּאָוועסקי

דער טויט האָט דיך פון אונדז פאַרנומען,
נאָר ניט פאַרשניטן איז דיין טרוים;
איןווינטער וועלקן אַלע בלומען,
אין פרילינג גרינט אויפסניי דער בוים.

דו האָסט דיין פאָלק געדינט מיט ליבע,
אָט די ליבשאַפט לעבט און רעגט;
דיין גייסט, דיין מוט, דיין העלער גלויבן
אין אונדזער גאַנג צו העלע טעג.

דער טויט האָט דיך פון אונדז פאַרנומען,
נאָר ניט פאַרשניטן איז דיין בוים;
עס וועלן אויפגיין דיינע בלומען
אין דעם פרילינג פון אונדזער טרוים.

מען קאָן אים ניט פאַרוויגן...

ס'איז שטיל אין שטוב. עס שלאָפט די נאַכט
אויף פליגל טונקל־מידע.
געררויש פון אויטאָס, ווייט, געדעמפּט,
מיט פלעמלעך ליכט צינדט־אָן די ווענט,
פאַרלעשט... און צינדט אויפסניי...
דער שלאָף מיט אומרו קעמפט.
די זאָרג פון טאָג, ווי שווערער בליי,
אין האַרצן דריקט,
ווי מאָטאָר לויפנדיקער, איילט און שטיקט.
דער שלאָף וויגט־איין,
ווי מאַמע האַרציקע,
מיט זיסן קול פאַרוויגט:
„גענוג, גענוג, מיין קינד, פאַר היינט,
גענוג, גענוג —
שלאָף־איין, שלאָף־איין!"

אַ גרילצנדיקער ברום
רייסט־אויף געהער.
די שויבן טרייסלען —
עס פליט אין הימל ווער.
ווייט, ווייט ער פליט.
עס דאַכט: דער הימל גליט,
עס פאַלן באָמבעס אין דער נאַכט,
עס בלוטיקט, פלאַמט די נאַכט.
די פליגל טונקל־מידע
פאַרבלוטיקט ליגן,
ווי דער שלאָף.

אוי, מען קאָן אים ניט פאַרוויגן,
מען קאָן אים ניט פאַרוויגן!

טרייסט מיין פריינט...

טרייסט מיין פריינט,
מיר דאַרפן טרייסט.
ווי טיף דער בראָך,
דו פילסט און ווייסט...
יעדער אבר, יעדער גליד
מיט דיין הארץ ווייטיקט-מיט
אַזוי איז דאָך שוין אונדז באַשערט
אויף אונדזער צערפולער ערד:
לעבן, ליידן — פרייד, געוויין,
קעמפן, ליבן,
און... פאַרגיין.

טרייסט מיין פריינט,
מיר דאַרפן טרייסט.
ווי טיף די וואונד,
וואָס ס'לאָזט דער טויט,
די צייט פאַרציט מיט נייער הויט.
און דורך כמאַרע פון געמיט
שיינט-אויף די זון,
קלינגט-אָפּ אַ ליד.
עס נעמט דיך האָפענונג ביים האַנט
און פירט דיך צאַרט אין מאָרגן-לאַנד:
אַזויפיל וואונדער,
אַזויפיל פרייד
פאַר דיר, פאַר דיר,
נאָך אָנגעגרייט!

דאָס לעבן רופט, דאָס לעבן וועקט:
ווייטער שפּאַנען מיטן וועג,
ווייטער קעמפן, געבן פּיל,
מיט פרײַנט אין טאַט,

מיט פרײַנט אין שפּיל.
יעדער טאָג — אַ ניי געשאַנק,
יעדער טאָג — אַ ניי פאַרלאַנג.
פון ערד פאַרטרייבן קריג און נויט,
אויף לאַנג, אויף לאַנג פאַרטרייבן טויט!

טרייסט מיין פריינט,

מיר דאַרפן טרייסט.

ערגעץ אין דער נאַכט . . .

ערגעץ אין דער נאַכט איך האָב געזען דיך שפּרייזן,
ערגעץ אין דער נאַכט געליכטיקט האָט דיין טראָט.
און ס'האָט אַ קלונג געטאָן ווי שטאָל איבער אייזן,
און צווייפל איז פאַרשוואונדן, ווי אין ערד אַ קראָט.

וואו־זשע ביסטו איצט אין וועלט אין ווייטער?
צי ביסטו דאָרט וואו ס'פּלאַקערט קריג און בראַנד?
איך וויים, דו וועסט באַווייזן זיך געקרעפטיקט און געלייטערט,
און ברענגען אויסלייזונג און רו אין יעדן לאַנד.

ניט איינמאָל...

ניט איינמאָל האָט דאָס לעבן מיך גענאַרט,
מיין וועג אַ בראָך געטאָן אינמיטן גאַנג,
און כ׳האָב געטראַכט: עס איז דער סוף,
דער סוף פון לעבן, ליבן און געזאַנג.

אַן אָפּגרונט פּעלזיקער האָט מויל צעעפּנט ברייט,
געצויגן מיך אַראָפּ אין הוילקייט פון ניט־זיין;
פאַרצווייפלונג האָט אַ פראָסט אַרום מיין האַרץ געשפּרייט
און כ׳האָב ניט מער געזען פון זון דעם שיין.

נאָר ערגעץ טיף אין מיר אַ וואָרט האָט אויפגעשטורעמט,
געטרייסלט מיך, געמאָנט, געריסן גליווער־קרייז —
צוריק צו וועלט כ׳האָב אויסגעשטרעקט די אָרעמס
און האָב דערפילט ווי ס׳שמעלצט אַרום מיין האַרץ דאָס אייז.

ווי נס האָט אָפּגעהילכט אַ ווייט געזאַנג פון קינדער,
און מיטאַמאָל עס האָט אַ בלענד געטאָן די זון!
אַ בענקשאַפט גליאיקע פאַרפלייצט האָט מיינע גלידער
און טרערן הייסע איבער באַק אַ גאָס געטאָן.

איך האָב דערזען, אַז דאָ וואו כ׳שטיי ביים ראַנד,
עס שלענגלט זיך אַ שטעג אַ שפּיציקער ווי שרויף.
מיט פינגער איינגעקלאַמערט אין דעם שטיין פון וואַנט,
איך האָב געשטעלט דעם טראָט דעם ערשטן באַרג־אַרויף.

ניט איינמאָל האָט דאָס לעבן מיך גענאַרט,
ניט איינמאָל מיך צעטרייסלט און פאַרוואונדעט,
נאָר ווידער כ׳האָב געשפּאַנט, געקלעטערט אַרויף־באַרג,
און אין דעם גאַנג מיין מוט, מיין קראַפט אויפסניי געפונען.

האָסט פרידן געזייט

ניט זאָג, מיטן זומער אַוועק איז די פרייד.
זע אָט־דעם טיש, וואָס איך האָב דיר געגרייט,
דעם שטול דעם ווייכן, דעם לאָמפּ און דעם בוך,
אַ בריוו פון אַ פריינט — צו אַ שמחה דעם רוף,
אַ שמחה מיט שפּייז פאַר נשמה און גוף —
ניט זאָג: אַוועק איז מיט זומער די פרייד.

ביינאַכט אין דער שטיל, דו גיב נאָר אַ זוך
אין האַרצן דעם פונק, וואָס באַלייכט אָט־די שטוב:
דאָס ערלעכע וואָרט, פון אמת דער שטראַל
צינדט־אָן אָט־די ווינקלען מיט ליכטער אַ שלל,
דעקט־אויף וואו אַ שטרויכלונג, אַ נעץ און אַ גרוב...
ביינאַכט אין דער שטיל, דו גיב נאָר אַ זוך...

די ליבשאַפט באַוואַכט דיך מיט גלוביקע הענט
און פירט דיך אָן שרעק אויף ווינטיקער גאַס.
ווען חלום פון מאָרגן די צאַמען צענעמט,
און האָט שוין באַזיגט דאָ די שנאה און האַס,
עס בליט אין דיין האַרץ די אייביקע פרייד:
אין ווינטער האָסט פרידן פאַר זומער געזייט.

זינג!

צו מאָרגנס זינגענדיקע...

ניט יעדן טאָג עס ווערט אַ ליד געבוירן,
ניט יעדן טאָג עס גיט, ווי פויגל, דיך אַ טראָג
אַריבער גאַס, אַריבער מויערן —
צום אויסגעבענקטן טאָג.

אַמאָל איז זון אין כמאַרע־גרוי געפאַנגען
און אומעט טריפט, ווי רעגן האַרבסטיקער אין טאָל;
פאַרנעפּלט ליכט, פאַרשטיקט געזאַנגען —
אַזוי — אַמאָל, אַמאָל.

נאָר היינט האָט דונער אָפּגעווישט די כמאַרע,
מיט צאָרן און מיט פלאַקער פייערדיק געבליצט,
און ס'האָבן אויפגעפינקלט אויגן שטאַרע —
עס האָט אַ קלונג געטאָן אַ ליד.

אָ, היינט עס שרעקט ניט מער קיין שנאה פון די שונאים,
אָ, היינט עס רינגלען דיך געטרייע פריינט!
אַ זינגענדיקן טאָג אַזוינעם
דיר שענקט דאָס לעבן — היינט.

טאָ זינג, אין ליבשאַפט ליכטיקער געהייליקט,
אָ, זינג אויף סטרונעס שטאַרק און דין!
עס קומען טעג פון שטורעמס בליציקע געריייניקט —
צו מאָרגנס זינגענדיקע, זינג, אָ, זינג!

געזאַנג פון לעבן

מוזיק: וולאַדימיר חפץ

מיר זינגען דאָס געזאַנג פון לעבן,
מיר זינגען דאָס געזאַנג פון פאָלק.
חלומות ליכטיקע מיר וועבן
אין קלאַנגען זילבער, קלאַנגען גאָלד.

אָ, זינגט, צעקלינגט דאָס ליד, דאָס ליד פון גלויבן!
דרינגט אַדורך די ווענט, די קאַלטע, קאַלטע ווענט!
האַרץ־צו־האַרץ און מוטיק שטים דערהויבן,
זינגט מיט פייער, זינגט מיט פייער,
זינגט־זשע, זינגט מיט ברען, מיט ברען!

מיר זינגען דאָס געזאַנג פון ליבע,
דאָס ליד פון קאַמף און צער און פרייד.
פון געטאָס פינצטערע געטריבן
און מאָרגנס זוניקע פאַרזייט.

אָ, זינגט, א.אַז.וו.

מיר זינגען דאָס געזאַנג פון דורות,
מיר זינגען דאָס געזאַנג פון פריינט,
בטחון, מוט איז אונדזער שורש,
דאָס ליד פון גלויבן — אונדזער היינט!

אָ, זינגט, א.אַז.וו.

נאָך ניט אויסגעברענט...

נאָך ניט אויסגעברענט דאָס פייער,
ניט פאַרטריקנט נאָך דער קוואַל —
זינגט-זשע! זינגט, ווי קיינמאָל פריער,
זינגט פון ליכט וואָס ווערט ניט אַלט!

אָ, די יאָרן פליען, פליען,
נאָר דאָס ליכט עס וואַרעמט, קוועלט.
וויפל שעהן, וויפל העלע
שטרעקן אָרעמס צו דער וועלט?

גיי צו זיי, צו אָט-די שעהן,
ווי געליבטער צו זיין ווייב.
אויב געפאַר פון ווינט זאָל דראָען,
אויב עס שרעקט זיך אין דיין לייב

ס׳אַלטע, שווערע חשבון-מעסטל,
ס׳אַלטע זייגערל פון צייט —
וויים: איך האָב אַ כישוף-קעסטל,
וואָס שפילט-אוים די נייע צייט.

כ׳שפּאַן מיט דעם אַריבער יאָרן
און איך זינג צום טאַקט, צום טאַקט.
ס׳האָט דעם כישוף ניט פאַרלאָרן
דער וואָס ליבט, דער וואָס וואַגט.

אַלע יאָרן וואָס פאַרגאַנגען,
אין דעם קעסטל כ׳האָב פאַרהיט.
כ׳הער זיך איין צו ציטער-קלאַנגען,
אָפט אַ טרער מיין פּנים בריט,

נאָר דער כישוף שטראַלט דורך טרערן,
לויטער קלינגט אַ נייער טאָן
פון אַ וועלט וואָס האַלט אין ווערן —
אָט-דעם טאָן איך טרוי דיר אָן.

נאָך ניט אויסגעברענט דאָס פייער,
ניט פאַרטריקנט נאָך דער קוואַל —
זינג-זשע! נעם מיין ליד צושטייער,
און וועסט קיינמאָל ווערן אַלט!

אַרום דעם טייך

מוזיק: יוסף שאַפּירא; אַראַנזשירט: מרדכי ירדני

אַרום דעם טייך איז שטיל און טונקל,
עס דרעמלען ביימער אין דער נאַכט;
עס שלאָפט די ערד, עס שלאָפט דער הימל,
נאָר מיין האַרץ, מיין האַרץ איז וואַך.

די שטערן פינקלען טיף אין וואַסער,
אַ צווייג לאָזט מיד די האַנט אַראָפּ;
כוואַליעס צערטלען פינגער־בלעטער,
און שפּיגלען זילבערדיק מיין קאָפּ.

פון ווייט איך זע אַ שאָטן וויגן
ביי דעם ברעג פון שטילן טייך;
איך הער אַ פליעסק, אַ וואַסער־ניגון,
עס שווימט, עס שווימט אַוועק די צייט . . .

צוויי פּאַלמעס

מוזיק: מרדכי ירדני

עס שטייען צוויי פּאַלמעס אויף זאַמדיקן ברעג,
די קרוינען — אין לופטיקן שטייגן;
די שטאַמען צעבויגן פון שטורמישע טעג,
צעשפּרייט, ווי אַ חופּה, די צווייגן.

א — א — א — א — שטייען צוויי פּאַלמעס ביים ים,
א — א — א — א — שטייען צוויי פּאַלמעס ביים ים!

זיי וואַרפן אַ שאָטן אויף גליאיקן זאַמד,
אַזוי פּאָר פאַרלעך פאַרברוינטע;
און גלעטן אַ יונגע, אַ קרעפטיקע האַנט,
וואָס צערטלט אַ מיידל אין רויטן.

די בלעטער, ווי פעכער, צעבלאָזן דעם ווינט,
די כוואַליעס פון ים נעמען רוישן,
און זי, ווי אַ זים, ציטערדיק קינד,
שטרעקט אוים אים די ליפּן צום קושן.

און לעבן זיי רוט אַ גרייז-גרויער קאָפּ
אויף שוים פון אַ ליבינקער זקנה;
זי צערטלט פאַרטראַכט זיין גערינצלטע באַק
און ס׳שמייכלען די אויגן די שיינע.

זי זעט אים אַ יונגן מיט טונקעלע האָר,
ווי דער בחור, וואָס ליגט דאָ דערלעבן,
און זי איז אַ כלה פון צוויי צענדליק יאָר,
ווי אַ פּאַלמע אין לופטיקן שוועבן.

דער ים קוקט פון ווייטן מיט בלוי-גרינעם אויג,
די כוואַליעס זיי רוישן און רעגן;
עס וויגן זיך פּאַלמעס, צווייג איבער צווייג,
און ס׳טונקלען די גאָלדיקע ברעגן.
צווזינג נאָך יעדן פערז.

מיין יידיש וואָרט

(מעלאָדיע: לויט יהודה הלוים ים־ליד)

אַ נייע היים כ׳האָב זיך געשאַפֿן,
אַ נייעם בוים כ׳האָב דאָ פֿאַרפֿלאַנצט.
דער פֿרייהייט־פֿאַקל אין דעם האַפֿן
האָט מיר באַלויכטן אין מיין גאַנג.

עס האָט מיין בוים זיך דאָ צעוואַקסן
און מיינע בלומען זיך צעבליט —
אָ, קום, פֿאַרזוך די טייטל, באָקסער!
אָ, לאָז דיין אָטעם אויף מיין צווייט!

מיין יידיש וואָרט, די פֿרוכט פֿון שטאַמען,
איך האָב פֿאַרהיט פֿון שונאס שניט.
ירושה־פֿרוכט פֿון טאַטע־מאַמען, —
מיין קינד, מיין קינד, פֿאַרזוך, געניס!

איך ריים דאָס ווילד־גראָז פֿון דעם באָדן
און ווערים פֿון מיין בוים איך טרייב.
קום זעץ זיך אין זיין גרינעם שאָטן,
אָ, לייען, לייען וואָס איך שרייב!

אַ לויב דעם זינגער

(צום חודש פון יידישער מוזיק)

איך וויל זינגען אַ לויב
דעם זינגער פון ליד,
פון פּשוטן, האַרציקן, יידישן ליד.
דעם זינגער פון טרויער,
דעם זינגער פון פרייד —
זיין ניגון, זיין ניגון,
מיין לעבן באַגלייט.

...אַי, אַי, אַי, אַי, אַי, אַי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי...
אַך, ער פאַרגייט זיך,
פאַרגייט זיך אַזוי!

ער זינגט מיט התלהבות
ער זינגט מיט געוויין —
עס הייבט מיך פון אָרט,
עס קאָן רירן אַ שטיין.

...אַי, אַי, אַי, אַי, אַי, אַי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי...
ער זינגט און עס שווינדט
דער וואַכיקער גרוי.

זיסקייט אין קול
און זיפץ פון געפיל:
אַט רופט ער און שטורעמט,
אַט פליסטערט ער שטיל.

...אַי, אַי, אַי, אַי, אַי, אַי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי...
חורבן און אומקום,
וויי, וויי, וויי, וויי, וויי...

צאָרן און ווייטיק,
ליבשאַפט, בטחון —
ער פלאַקערט מיט גלויבן,
און זינגט דעם נצחון!

...אַי, אַי, אַי, אַי, אַי, אַי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי...
ער הייבט מיך, ער טראָגט מיך,
און רירט מיך אַזוי.

וויג־ליד

מוזיק אראנזשירט: יעקב שייפער
וואריאציע פון פאלקס־ליד

שלאָף מיין קינד, שלאָף מיין קליינער,
איך וועל זינגען דיר אַ ליד
פון אַ וועלט — אַ נייער, שיינער,
פאַר יעדן מענטש אָן אונטערשיד.

ווען דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
מלחמות, צרות וועלן מער ניט זיין,
אוים מיט שנאה און אוים מיט טרערן,
פאַר דיר בלויז פרייד און זונענשיין.

עס האָבן דיינע טאַטע־מאַמע
געקעמפט פאַר שלום, גליק און פרייד.
עס גיט די ערד דאָך גענוג פאַר אַלעם,
דער בוים זיין פרוכט פאַר אַלעם שפּרייט.

וואַקסן וועסטו אין וועלט אַ פרייער,
ווי פויגל פליען אינדערהויך,
היטן וועלט און אַלץ וואָס טייער
זאָל ניט אַוועק מיט פלאַם און רויך.

שלאָף מיין קינד, שלאָף מיין קליינער,
איך וועל זינגען דיר אַ ליד
פון אַ וועלט — אַ נייער, שיינער,
פאַר יעדן מענטש אָן אונטערשיד.

לאָמיר טאַנצן!

(וואַריאַציע פון „זינגט מיט מיר אַ ליד")

ליבע פריינט, אַהער, אַהער!
לאָמיר טאַנצן היינט אַ שער!
לאָמיר זינגען אין אַ כאָר
פון אַ ליכטיקן קאַיאָר.
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
קוקט נישט וואָס דער קאָפּ איז גרוי!

טאַטעס, מאַמעס — אַריין אין ראָד!
דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד!
באַקן רויטלען זיך פון טאַנץ,
אויגן פינקלען מיט אַ גלאַנץ.
אָט אַזוי און אָט אַזוי —
טראַכט נישט אַז דער קאָפּ איז גרוי!

באָבעס, זיידעס, כ'האָב אייך ליב!
זינגט-זשע, זינגט מיט מיר אַ ליד!
פריילעך-פריי און פאַרביק-פריש,
ווי אַ יום-טובדיקער טיש.
אָט אַזוי און אָט אַזוי —
שטאָלץ דער קאָפּ אין העלן גרוי.

ס'איז אַ שמחה היינט ביי אונדז,
טאַנצט-זשע, טאַנצט אייך צו געזונט!
הענט געפלאָכטן, פיס אין שוואונג,
איז — אַ פלי, איז — אַ שפּרונג!
אָט אַזוי און אָט אַזוי —
יונג דאָס האַרץ, כאָטש קאָפּ איז גרוי.

וואָרט און קלאַנג

שטייט אַ פויגל, בונט־קאָלירט,
און ער צוויטשערט: „טשוויר־טשוויר־טשוויר!"
איין קלאַנג פאַרמאָגט ער,
איין זיסן קלאַנג,
טרילט ער, טרעלט ער נאָכאַנאַנד:
„טשוויר־טשוויר־טשוויר! טשוויר־טשוויר־טשוויר!"
וועמען רופט ער? מיך צי דיך?

שטייט אַ הונט ביים טיר פון הויז,
האַווקעט, בילט אין גאַס אַרויס.
איין קלאַנג פאַרמאָגט ער,
איין בייזן קלאַנג,
בילט ער, בילט ער נאָכאַנאַנד:
„האַוו־האַוו־האַוו! האַוו־האַוו־האַוו!"
און לאָזט זיך אין אַ ווילד געלאָף.

הענגט אַ גריל אין וואַנט פון שטוב,
גרילצט און גרילצט און זעגט די לופט.
איין קלאַנג פאַרמאָגט זי,
איין נודנעם קלאַנג,
און זי שאַרפט אים נאָכאַנאַנד:
„גריל־גריל־גריל! גריל־גריל־גריל!"
ווער נויט זי גרילצן אָן געפיל?

נאָר מענטש האָט שטים און וואָרט אויף צונג,
ער רעדט און לאַכט, גיט אויך אַ זונג.
אָ, וויפל קלאַנגען טרויער, פרייד,
אין זיין קול, אין זיינע רייד!
ווי רייך די גאַמע:
שפיל . . . געזאַנג . . .
דו, מענטש! פאַרשעם ניט וואָרט און קלאַנג!

יעדעד מענטש...

יעדער מענטש ביי מיר איז חשוב.
יעדן פריינט איך גרים מיט פרייד.
עס קוועלט אַ וואָרעם וואָרט, אַ מוטיקס,
מיט שמייכל ערלעכן באַגלייט.

נאָר ס׳טרעפט אינמיט פון אַ וויכוח
שפרינגט-אויף אַ פריינט צעפלאַמט, צעהיצט,
און שליידערט דיר אַ וואָרט אַ בייזן
וואָס ברענט, ווי וואונד, אין דיין געמיט.

ווי אָפט מען אַמפּערט זיך, מען קריגט זיך!
ווי אָפט געשטרויכלט ווערט אַ מענטש!
טוט ווי דער שניט פון ווערטער שאַרפע,
טוט ווי די פייל צום האַרץ געווענדט.

פונוואַנען אָט דער פייער בייזער?
פונוואַנען וואָרעם פון פאַרדאַכט,
וואָס גראָבט אין מיסטן פון רכילות
און מאַכט דיך קליין און מאַכט דיך שוואַך?

ביסטו ווי פּאָווע דען פאַררים?,
וואָס קאָנסט ניט הערן קיינעמס רייד?
איז יענעמס מיינונג דען אומוויסנד
און בלויז דיין וואָרט, דיין וואָרט באַשטייט?

יעדער מענטש ביי מיר איז חשוב.
כ׳וואָלט גערן זיין פאַרדרוס געשטילט,
און מערן זיך די קליינע קריגן,
עס ווײַנט מיין האַרץ מיר אינדערשטיל.

פֿאַרהיט דעם טרוים...

ניט אַלעמען איך קאָן געפֿעלן,
ניט אַלעמען — צופֿרידנשטעלן.
עס האָט גענומען יאָרן מוט
צו זאָגן זיך: ניט אַלץ איז גוט.

קנאה־שנאה און פֿאַרדאַכט,
גאווה און געיעג נאָך מאַכט,
ווי אַ וואָרעם פֿרעסט, פֿאַרצערט,
אַלץ וואָס בליט און וואַקסט און נערט.

אַזויפֿיל ראַנגל און געוויין!
ווי אָפֿט אַ מענטש צו מענטש איז קליין!
אַרום — דער ים פֿון חשד און קריג
און ער — אין קלײנלעכקייט פֿאַרוויגט.

פּרואָוו איך בינדן וואָרט מיט טאַט
אין גרינעם וואוקס, ווי בוים און בלאַט;
רוף און מאָן אין גאַנג, אין ליד:
דעם מענטש אין זיך פֿאַרהיט, פֿאַרהיט!

אַזויפֿיל שיינקייט אין דעם מענטש,
וואָס קעמפֿט און ליבט און זינגט און בענקט.
ווי קאָנסטו רוען ווען ער ליידט?
ווי קאָנסטו שווייגן ווען ער שרייט?

און דער וואָס רעדט פֿון גרויסער זאַך
און איז אַליין אין גרויסקייט שוואַך,
עס איז זיין פּלאַם אַ קינסטלעך ליכט,
וואָס וואַרעמט בלויז זיין גרויסן „איך".

עס שפּאַנט די וועלט צו שלום, גליק,
דורך בלוט און פּיין און ווילדן קריג,
און בויט נאָך אַלץ פאַרצאַמונג-ווענט,
וואו מענטש צו מענטש איז ניט קיין מענטש.

די צייט זי יאָגט מיט אַטאָם-קראַפט,
פאַרשלינגט דעם טרוים — די וואונדער-זאַפט,
וואָס נערט מיט מוט און טרייסט דאָס האַרץ
און מאַכט עס שפּירעוודיק און שטאַרק.

פאַרהיט דעם טרוים! דערהייב דעם מענטש!
צעברעך פון שקר, רויב די ווענט!
און רייניק זיך פון גאווה, שרעק,
פון קליינלעכקייט באַפריי די טעג!

ניט אַלעמען איך קאָן געפעלן,
ניט אַלעמען צופרידנשטעלן.
איך קאָן בלויז זינגען ערלעך, שיין,
און מיין געוויסן זאָל זיין ריין.

עס פליסט דער קוואַל

איך בין נאָך אַלץ נאָך ווייסן דורשטיק,
פונקט ווי אין מיין יוגנט גרינער,
ווען אותיות אין אַ שפּראַך אַ פרעמדער
מיט זייערע שורות ליכט און שאָטן
האָבן מיך געלאָקט, גערופן,
ווי אַ לאַנד אַן אומבאַטראָטנס,
זיי דערקענען און באַזינען,
וועג צו מענטש און גליק געפינען.

און ווען מיין צונג אין בענקשאַפט שטומער
פון שפּראַך דעם סוד האָט שוין באַנומען,
אירע אוצרות, אירע וואונדער,
אָנגעזאַמלט דורך יאָרהונדערט —
כ'האָב נאָך אַלץ געזוכט דעם שליסל
צו דעם קוואַל פון חכמה, ווייסן.

יאָרן זיינען שוין פאַרלאָפן,
טעג פון זוכעניש און האָפן,
אַנטוישונג ביטערער און גלויבן הייסן,
און איך ווייס וואָס אַלע ווייסן,
אַז ווערטער-לאַנד קאָן מדבר ווערן,
וואו ס'גילטן ניט קיין טרוימען און קיין טרערן;
אַ וויסטעניש מיט זאַמדן אָנגעהורבעטע ווי בערג,
וואָס האָבן וועג צום האַרץ פאַרשאָטן
און גרינקייטן און זאַפטן פון דער ערד
אויסגעזויגן און פאַרשטיינערט אין פאַרבאָטן —

דאָך זוך איך אַלץ נאָך קוואַל פון לעבעדיקע שטראָמען
אין די אותיות אָפּגעדרוקטע,
אין די ביכער־טאָמען.
און דאָ און דאָרט,
אינצווישן שורות ליכט און שאָטן,
דערפיל איך צאַפּל פון אַ לעבעדיקן אָטעם.
אינצווישן שטעכיקע, פאַרסמטע מדבר־פלאַנצן,
עס שפּראָצט אַ רויטע בלום,
ווי בלוט פון האַרצן.
פלאַקערט אין דער זון,
ראַנגלט זיך פאַר לעבן —
און איך ווייס:
עס פליסט דער קוואַל.
ער וועט זיך קיינמאָל ניט
דעם מדבר אונטערגעבן.

דער ווייטיק פון אַ ניט־דערגרייכטן טרוים...

דער ווייטיק פון אַ ניט־דערגרייכטן טרוים
מאַטערט דיך, מיין פריינט.
איך קען דעם ווייטיק
און היט זיך אים בארירן קוים —
ווי רויע וואונד ער שמאַרצט אַ לעבן־לאַנג.

ווי קאָן דען מענטש
אין קורצן זיינעם גאַנג,
ווי זומער־פייגעלע צו ליכט געצויגן,
גרייכן רעגנבויגן?
חלום פאַרביקן, צעבלענדטן?
אַריבערשפרייזן אַפּגרונטן און עלנטן,
טעג פון דריקנדיקן יאָך,
צאָם פון גרויער וואָך,
ווענט פון קאַלטן שטיין, —
און ניט זיך אָפּשטעלן וואו
אינמיטן גיין?

ווי אָפט ער ווערט פאַרלוימדעט און פאַרטריבן!
ווי אָפט דער קאַמף פאַר לעבן
לערנט האַסן אַנשטאַט ליבן!
ווי אָפט געפינט ער זיך אויף וועגן,
וואָס ניט ער האָט אויסגעקליבן!
בלויז גלויביקע און צאַרטע,
אין מענטש פאַרליבטע,
רחמימדיקע, שטאַרקע,
פון בייז און קליינלעכקייט
ווערן ניט צעריבן.

דער ווייטיק פֿון אַ ניט־דערגרייכטן טרוים
איז ווי אַ ניט־פֿאַרהיילטע וואונד,
וואָס לאָזט דיך ניט אין גלייכגילט רוען,
נאָר האַלט דיך וואַך און האַלט דיך יונג.
איך קען דעם ווייטיק.
אין יעדן מענטש
אַ טראָפּן ביטערער פֿון אים פֿאַראַן.
נאָר אין דיין האַרץ
ער האָט פֿאַרוואַנדלט זיך אין סם
און וואַקסט און פּלייצט
און דראָט פֿאַרשווענקען דיך
ווי כוואַליע פֿון אַ ים.

אַיעדער דור...

אַיעדער דור מאַכט דורך זיין מדבר
אויף וועג צום אויסגעבענקטן לאַנד.
עס ברענען טעג אין גלי פון זונען
און ס׳פיבערט נאַכט אין שטורעמזאַמד.

אַיעדער דור מיט נייעם נייגער
זוכט אַנטפּלעקן נייע וועגן,
רייסט אַרונטער אַלטן שטייגער
טראָגט זיך פּיין און ווינט אַנטקעגן.

אַ, יעדער דור בלאָנדזשעט, וואַנדערט,
טרעפט־אָן אויף דערנערדיקע פּלאַנצן,
וואָס שטעכן דורך זיין לייב ווי שפּיזן
און צעטרייסלען זיין געוויסן.

ווי אָפט עס מאָלט אַ וואונדער־בילד
דיין שטרעבן,
אין מדבר, אויפן וועג צום אויסגעבענקטן לאַנד!
ווי אָפט מיראַזש פאַרבלענדט דיין גאַנג אין לעבן!
אַזוי ווערט אויך אַ דור אַמאָל פאַרפירט, פאַרנאַרט.

דאָך ציט זיך ווייטער, ווייטער, גאַנג פון מדבר־גייער,
אַזוי איז זיי פון לאַנג שוין דאָך באַשערט:
פאַראַן איז דאָך אַ שיינקייט און אַן אמת הינטער שלייער,
און זיי געפינען און דערלאַנגען איז אַלע מאַטערנישן ווערט.

נוץ ניט אָפּ . . .

נוץ ניט אָפּ דיין לעבן ווי אַ בגד,
וואָס אַמאָל איז ער געווען ניי און שיין
און איצט האָט ער פאַרלאָרן
זיין פאַרב און חן.

עס ניט אויף דיין לעבן ווי אַ קוכן,
וואָס אַמאָל איז עס געווען געשמאַק און זיס,
און איצט איז עס פאַרדאַרט,
פאַרשימלט, מיאוס.

לויף ניט אָפּ דיין לעבן ווי אַ באַן,
וואָס אָט געטראָגן דיך זי האָט צום ציל
און איצט זי שטייט אינמיטן וועג,
פוסט און קאַלט און שטיל.

דיין לעבן איז קיין בגד, קיין קוכן און קיין באַן
ער איז געגעבן דיר אין ווייַ און בלוט,
דו זאָלסט אים טראָגן ווייטער,
און באַנייען
מיט דיין ליבשאַפט
און דיין מוט.

פאַרפלאָכטן, פאַרברידערט...

עס טרעפט, אויפן שליאַך פון לעבן דו שפּאַנסט,
פון רעכטס און פון לינקס מיטביימער פאַרצאַמט,
און ס'דאַכט זיך דער וועג אין פאָרויס איז צו ענג,
ווי ס'וואָלט אוראַגאַן אים פאַרשניטן, פאַרלענדט.

אַנטוישט און פאַראומערט, פאַרלאַנגזאַמסט דיין טראָט,
אָט איז שוין דער סוף — אָט באַלד — אָט, אָט!
און פּלוצלונג בלייבסט שטיין פאַרוואונדערט, פאַרגאַפט,
דערזעסט און דערשפּירסט פון לעבן די קראַפט.

צוויי ביימער אין ליבשאַפט — פון רעכטס און פון לינקס —
די צווייגן, ווי אָרעמס, פאַרפלאָכטן אין ווינט.
פאַרפלאָכטן, פאַרברידערט ביז שפּיצן אַרויף,
צעשטראַלטע זיך וויגן אין בלוילעכן רוים.

פון אויבן — אַ חופּה, פון אונטן — אַ טויער,
אַ דורכגאַנג פאַר דיר אַריבערן טרויער.
פאַר דיר צו דערפילן דעם זאַפט פון דיין טרוים,
פאַרבונדן אין ליבשאַפט, ווי צווייגן אויף בוים.

צו ווייטערע שליאַכן עס ציט איצט דיין גאַנג:
זיי עפענען ברייטער מיט פריידיק געזאַנג!
עס כוואַליען זיך טאָלן, עס טורעמען בערג —
דורך טויער פון ליבשאַפט — ווי גרין איז די ערד!

כ׳וואָלט וועלן זינגען . . .

כ׳וואָלט וועלן זינגען בלויז פון פרייד,
נאָר פון ליבע און פון גליק.
ווייניק ווערטער, ווייניק רייד,
לויטער שיינקייט און מוזיק.

לויכטן זאָל מיין ליד אין האַרץ,
וואָס איז פאַראומערט און פאַרדריקט,
פול מיט ווייטיק און מיט צער,
ווייל די וועלט איז פול מיט קריג.

און קלינגען זאָל מיין ליד אין מויל,
וואָס איז פון לײדן ביטער, האַרט,
אויפגיין זאָל אַ קלאַנג אין קול,
ווי אַ פלייט, אי זיס, אי שטאַרק.

כ׳וואָלט וועלן זינגען בלויז פון פרייד,
נאָר פון ליבע און פון גליק,
נאָר ס׳ציטערט טרער אין האַלדז פון פלייט,
און די וועלט איז פול מיט קריג.

ניט פאַר זיך אַליין...

ניט פאַר זיך אַליין איך זינג מיין ליד,
ניט פון מיר אַליין מיין היים, געלייטערט וואָרט.
איך גלויב, אַז אַפילו אין באַפליגלטער מינוט,
עס שלאָגט מיין האַרץ אין טאַקט מיט מענטשנס טראָט.

און אויך דאָס ליד וואָס טיף אין מיר פאַרבאָרגן
עס וואָרט אויף טאָג פון שעפערישער מי —
ווי פון מוטערס טראַכט אַ קינד געבאָרן,
אַזוי פון פאָלק און מענטש עס קוועלט מיין ליד.

און ווי אַ מענטשלעך וועזן, וויינט עס און עס לאַכט
און זוכט אַ נעסט אין וואָרעם, מענטשלעך האַרץ
צו זינגען דאָרט אין העלער שעה, אין טונקלער נאַכט,
זיין טרוים, זיין פרייד, זיין האָפענונג און צער.

קלינגט-אָפּ מיין ליד אין האַרץ אין לויטערן פון פאָלק,
איז ווי עס וואָלט דערהערט זיין אייגן קול.
עס רופט דער מאָרגן, אָנזאָג גלויביקער צעשאָלט,
עס הילכט דער היינט מיט וואונדער און מיט גרויל.

אויף סטרונעס אָנגעצויגענע עס שפּילט די צייט
דעם ניגון שטורמישן פון מענטש אין גאַנג.
קלינגט-אָפּ די שרעק, דער מוט, דער ראַנגל, נאָנט און ווייט,
אַריבער ברעגן פלייצט עס, ברויזט אין מיין געזאַנג.

אַזויפיל שיינקייט איז אין לעבן דאָך פאַראַן,
אַזויפיל רחבות, פלייץ פון ליכט און קלאַנג און פאַרב,
און ליבשאַפט מענטשלעכע, אַוואו איך גיי און שפּאַן —
פאַרוואָס-זשע וועדט מיט ווייטיק אָנגעפילט מיין האַרץ?

די שלאַנג פון אומרעכט, זע איך, הייבט דעם קאָפּ
און ס׳ציטערט אַ געוויין אין אַלע שיינקייטן פון וועלט.
רוף איך, מאָן איך: אוצר מענטשלעכן היט־אָפּ,
ווייל בלויז דערפאַר, דערפאַר איז לעבן ווערט!

ניט פאַר זיך אַליין איך זינג מיין ליד,
עס איז מיין ליד דאָך ניט אינגאַנצן מיין:
עס קוועלט פון דורותדיקן מענטש־און־פאָלק־געמיט,
עס וואַקסט אין טיפעניש פון מי און קאַמף און פיין.

אינהאַלט:

א וואָרט צום לייענער ▽ 2
דאָס לעבן רופט ▽ 5
בילד פון דער דיכטערין (געצייכנט: בערנאַרד)

1 אין אויפגאַנג

אין אויפגאַנג ▽ 7
ריטמען אין פערזן . . . ▽ 8
דו פרעגסט . . . ▽ 9
אזוי פיל קלאַנגען . . . ▽ 10
האָריזאָנטן, שפּרייט זיך, שפּרייט זיך! ▽ 12
דו פאָרסט אַוועק . . . ▽ 15
דער זומער האָלט שוין ביים פאַרגיין ▽ 17
עס הייבן זיך בערג . . . ▽ 19
האַרבסט ▽ 20
אין דעם האַרבסט פון לעבן . . . ▽ 22
אין אַ רעגנדיקן טאָג ▽ 23
מיליאָנען יאָרן . . . ▽ 24
ביים ברעג פון דיין צעשטורעמטע האַרץ . . . ▽ 25
בין השמשות ▽ 27
שטורעם ▽ 29

2 אין טעג צעברויזטע

אַ דאַנק פאַרן נעכטן און פאַר מאָרגן ▽ 31
איך רייט אויפן שטורעם ▽ 32
טעג מיינע . . . ▽ 33
פונקען ▽ 34
ווי גוט עס איז . . . ▽ 35
אַ, פרילינג מיינער . . . ▽ 36
איך מאָן ביי וועלט . . . ▽ 37
האַרבסטן גאָלדענע ▽ 38
פאַרלאַנגען ▽ 39
דו ביסט פאַראַן . . . ▽ 40
אזוי פיל ווערטער . . . ▽ 41
ערגעץ וואַרט אויף מיר . . . ▽ 42
דערוואַרטונג . . . ▽ 43
שרעק זיך ניט . . . ▽ 44

בלומען . . . ▽ 45
מיין ליבע . . . ▽ 46
מיין ליבסטער . . . ▽ 47
דו, אייביקער טרוימער ▽ 48
אין מיטן וועג . . . ▽ 49
די וועלט . . . ▽ 50

3 מיין פאָלק

פונוואַנען די עקשנות? ▽51
גים זיך אָן מיט קראַפט ▽ 52
באחרית הימים ▽ 54
איך זוך אַ וואָרט . . . ▽ 56
אין חודש אַפּריל . . . ▽ 57
אַזוי פיל שטורעמס . . . ▽ 58
צום משפט! ▽ 59
שלום-עליכם דיר, וואַרשע! ▽ 61
איך וואַנדער אום אין שעדלעץ . . . ▽ 62
ציגעלעך . . . ▽ 64
מזל-טוב יידן! ▽ 66
יובל, יובל, ישראל ! ▽ 67
דוד און גלית ▽ 68
די וועלט פון מאָרים ראָזענפעלד ▽ 70
דער זיידע, ר' מענדעלע ▽ 72
פרץ, אַך, פרץ! ▽ 75
געלעכטער דורך טרערן ▽ 81
דיין לעבנסוועג ▽ 84
דאָס אַלטע און דאָס נייע ▽ 86
באַווייז זיך, דו יורש פון יידישן וואָרט ! ▽ 88

4 מיין לאַנד

איך זינג דאָס ליד . . . ▽ 90
אייברעהעם לינקאָלן ▽ 91
אַ פאָלק איז אויפגעשטאַנען ▽ 92
פיר קינדער גייען אין שול ▽ 93
עס פאָרט אַ באָס ▽ 95

מיסיסיפּי ▽ 97
די באַלאַדע פֿון וויליאַם ל. מור ▽ 99
פֿיליבוסטער ▽ 101
שרעק . . . ▽ 103
אָרעמשאַפֿט ▽ 105
ברודערשאַפֿט ▽ 106
מאָרד פֿון פּרעזידענט קענעדי ▽ 107
פּרויען מאַרשירן . . . ▽ 110
ווידער דונערן האַרמאַטן . . . ▽ 111
די יינגלעך און מיידלעך . . . ▽ 113
אַ מאַמע אין וויעטנאַם ▽ 114
מוטערס-טאָג ▽ 115
ער וועט זיך איינגראָבן . . . ▽ 116
אַ מענטש איז געבוירן . . . ▽ 119
מיין שטאָלץ מיט דיר ▽ 120
עס קומט אַ טאָג ▽ 121

5 ראַקעטן-צייט

אויף פֿליגל פֿון צייט ▽ 123
איך גלויב . . . ▽ 124
ראַקעטן-צייט ▽ 125
וואוהין, וואוהין ? ▽ 126
דאָס פֿינטעלע . . . ▽ 127
מענטש און וועלט ▽ 129
די הימל-ברידער ▽ 131
גוט יום-טוב ! ▽ 132
די וואַנדער-לוסט ▽ 133
אויפֿן פּלאַץ קאָנקאָרד ▽ 136
רו-אָפּ פֿון וועג ▽ 138
אַזוי ווערן יאָרן פֿאַרשריבן . . . ▽ 139
דיינע פּופּציק יאָר ▽ 141

6 צער און טרייסט

אויב ווען פֿאַלן . . . ▽ 145
מען זאָגט מיר . . . ▽ 146

עס קומט אַ יאָר . . . ▽ 147
פאַרדעק די הוילע אָרעמס ▽ 149
העי, רייטער! ▽ 150
און ווידער . . . ▽ 151
דער פרילינג האָט געגרינט . . . ▽ 152
עס קאָן נישט זיין . . . ▽ 153
מיין צער נאָך דיר . . . ▽ 155
ניט פאַרשניטן איז דער טרוים ▽ 156
מען קאָן אים ניט פאַרוויגן . . . ▽ 157
טרייסט מיין פריינט . . . ▽ 158
ערגעץ אין דער נאַכט . . . ▽ 160
ניט איינמאָל . . . ▽ 161
האָסט פרידן פאַרזייט ▽ 162

7 זינג!

צו מאָרגנס זינגענדיקע . . . ▽ 163
געזאַנג פון לעבן ▽ 164
נאָך ניט אויסגעברענט . . . ▽ 165
אַרום דעם טייך ▽ 167
צוויי פּאַלמעס ▽ 168
מיין יידיש וואָרט ▽ 169
אַ לויב דעם זינגער ▽ 170
וויג-ליד ▽ 171
לאָמיר טאַנצן! ▽ 174
וואָרט און קלאַנג ▽ 173
יעדער מענטש . . . ▽ 174
פאַרהיט דעם טרוים . . . ▽ 175
עס פליסט דער קוואַל ▽ 177
דער וויטיק פון אַ ניט-דערגרייכטן טרוים . . . ▽ 179
איעדער דור . . . ▽ 181
נוץ ניט אָפּ . . . ▽ 182
פאַרפלאָכטן, פאַרברידערט . . . ▽ 183
כ׳וואָלט וועלן זינגען . . . ▽ 184
ניט פאַר זיך אַליין . . . ▽ 185

ערן־ספּאָנסאָרס

גרעיטער מיאַמי בענעוואָלענט סאָסייעטי
יידישער פֿאָלקס כאָר, מיאַמי ביטש
קאָונסיל פֿון עמאַ לאַזאַרוס קלובן, מיאַמי ביטש
קאָונסיל פֿון לייען־קרייזן, מיאַמי ביטש
דוד בערגעלסאָן לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
משה האַלטמאַן לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
זישע ווײַנפּער לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
משה כץ לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
כאַווער־פּאַווער לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
ישראל לינקין לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
נחמן מייזיל לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
יצחק סטענדער לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
דוד עדעלשטאַט לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
י. ל. פּרץ לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
משה ראַהינסקי לייען־קרייז, מיאַמי ביטש
שענדלאָף־לין לייען־קרייז, מיאַמי
עלסינאָר יידישער פרויען לייען־קרייז
עלסינאָר עמאַ לאַזאַרוס פרויען־קלוב

ליליען אייזענמאַן־ווייסבערג
אַלעקס אַלפּעראָוויטש
דזשוליוס באַרענבאַום
סאָפי באָבריק
רעי און יעקב לייב בעקער
ראָוז און מעקס בערנשטיין
פּאָלין און אבראַם בריקמאַן
רבקה גוירסט
סערא געווינטער
דזשעק גראָסמאַן
ראָוז דאַנציג אין אָנדענק פֿון בען
איווא און מאָרים דראַפּקין
ראָוז און סעם האַרפּער אין אָנ-
דענק פֿון די ברידער האָבערגרייץ
נינאַ, אַרטור ווייראָב (גאָלדשטיין)
ליליען און נאָום טשערנאָי
דאָראַ לואיס
ראָוז און אברהם ליפּשיץ
אין אָנדענק פֿון
טילי און סעם מאַלאַקאָף
ראָוז און דזשעק פעלדמאַן
פעני און עדי קאָופמאַן
העלען און הערי קענטאָר
בעלאַ און ישעיה קעטשער
מערי און אייב ראָזען
לינאַ און בען ראָזענבערג
העלען און היימאַן שוואַרץ
שמואל שיינקין

ספּאָנסאָרס

האַננאַה אָראַנאָף
פעני און סעם בלאַט
פעני בלום
סיליאַ בעלמאָנט
פרענסעס און פיליפּ בעקער
לילי און הערי ברוידע
יעטאַ און חיים גליקמאַן
ראָוז און ווילי גרינבערג
יאַנקל דאָראָשקין
סאָפי דזשאָסטו
סאָפי און היימאַן דעיווויס
ענאַ ווילענסקי
אסתר וויינשטיין
מאַניאַ און חיים זיידענוואָרם
סעראַ און מאיר טאָמסאָן
חנה און ווילי טייטלבוים
מאַלי און נעיטן טשאַבינסקי
בערנאַרד כאַזאַנאָוו
בערטאַ לאָבעל (דזשאָלטי)
ראָוז און אייב לידס
גאָסי לין
אסתר לינקין
אין אָנדענק פון ישראל
מאַניאַ מאַלווי
יעטאַ און לייזער מעלצער
לאה און סעם נעלסאָן
פרידאַ און סעם סאָוויטש
סאָניאַ און וויליאַם סורענקאָ
סילוויאַ און יודל סילווער
ראָוז און ראַלף סילווער
לאה סטענדער
אין אָנדענק פון יצחק
בעטי און מאיר פאַרבער
פיליפּ פינקל
ראָוז און בען פּאָדאָלסקי
מאַניאַ און ליאָוואַ פּאָול
רחל און דוד פּיטשערסקי
פּרץ גראָדזשיסקער סאָסייעטי,
ניו-יאָרק
איידאַ קאַץ
סאָניאַ קוירש
בלומע און סעם קוירשנצווייג
ישעיה קראָטמאַן
לאה און בען ראָלער
לינאַ רעצקין